The Hebrew Journal
דער אידישער
זשורנאל
The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

S III. No 809 Toronto, Tuesday, October 12th 1915 ד' חשון תרעו דינסטאג אקטאבער דעם 12־טען 1915 PRICE: 1 CENT

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

דייטשען קליימען א זיעג איבער די רוסען

געהט בולגאריע געגען רומעניען?

אפיציעלער דייטשער בעריכט

בערלין אקט. 11.

דער פאלגענדער אפיציעלער בעריכט איז נעכטען ארויסגעגעבען געווארען פון דער הויפט מיליטערישער דייטשער קוואר־טיר.

מערב שלאכטפעלד.

אויף די בערג מזרח פון שאטעי האבען די דייטשען פערכאפט פיעלע פון דעם שונא'ס טרענטשעס און מאשין ביקסען דורך א קאנטער אטאקע האבען די דייטשע טרופען צוריקגענומען ביים שונא א פלאץ וועלכע יענע האבען עס פריהער גענומען פון די דייטשען אין דעם שאמפיין דיסטריקט. דער פלאץ וואס די דייטשען האבען יעצט צוריק גענומען איז פיער קילאמעטער (2 און א האלב מייל) די לענג און הונדערט מעטער טיעף.

מזרח שלאכטפעלד.

נאך א שטארקען האנד צו האנד קאמפף האבען די סאלדאטען פון פאן הינדענבורגס ארמיי צוריק געשטויסען, די רוסען וועלכע האבען געוואלט צוריק נעהמען זייער פערלוירענע פאזיציע ארום גארבונאווקע מערב פון פינסק.

די אייזענבאהן וועלכע ליגט דרום פון דווינסק צו פאניוועזש האבען די דייטשען אין זייערע הענט דערביי האבען זיי גענומען געפאנגען זעקס אפיציערען 750 סאלדאטען און פינף מאשין הארמאטען.

גענעראל פאן לעסינגס ארמיי האט גענומען מיט שטורם דעם דארף סינקטצי דרום מערב פון פינסק. פיעלע רוסישע אטאקעס וואס זיינען געמאכט געווארען אויף א פופציג מייליגען פראנט אויף דער אייזענבאהן ליניע וועלכע ליגט דרום פון פינסק זיינען צוריקגעשטויסען געווארען. מיר האבען נאך ביי די רוסישע אטאקעס גענומען 383 רוסישע געפאנגענע.

קאוואלעריע שלאכטען קומען פאר אין דעם געגענד פון רעטישצע.

גענעראל פאן באטמארם ארמיי האט צוריק געשטויסען א שטארקע רוסישע אטאקע דרום מערב פון טארנאפאל.

א שפעטערדיגער דייטשער בעריכט וואס איז ארויסגעגעבען געווארען פון דער הויפט מיליטערישער קווארטיר וועגען דעם רוסישען שלאכטפעלד לעזט זיך ווי פאלגט.

די רוסישע פאזיציאנען ארום דעם דארף נארביאנאווקא און דער דארף אליין וועלכער געפינט זיך ארום דווינסק, איז מיט שטורם גענומען פון אונזערע סאלדאטען אונטער דער קאמאנדא פון גענעראל פאן הינדענבורג. דערביי האבען אונזערע סאלדאטען אויך פערנומען פינף אפיציערען און 1,356 סאלדאטען.

צוויי הארמאטען האבען אונזערע סאלדאטען פערנומען אין א שלאכט וואס איז פארגעקומען ארום נעפעדי, דרום פון נישיניעוו האבען מיר גענומען 139 געפאנגענע און דאס האט אבגענומען ביי די רוסען דעם אפעטיט פון צו מאכען ווייטערע אטאקעס אויף אונז.

די ארמיי אונטער פרינץ לעאפאלד פון באווריע, האט צוריק געשטויסען פיעלע רוסישע אטאקעס וואס זיינען געמאכט געווארען אויף זייער פראנט.

די ארמיי אונטער גענעראל פאן לעסינגען האבען מיט שטורם גענומען די דערפער קאמרי, קאמארא, און פריקלאדניק.

די דערפער זיינען דרום מערב פון פינסק.

ארום וואלקאבריזנאסקא קומען פאר גרויסע קאוואלעריע שלאכטען.

בולגארישע סאלדאטען ארום רומענישען גרעניץ

פאריז אקטאבער 11.

א טעלעגראמע וועלכע איז אנגעקומען אהער פון בוקארעסט, רומעניען לעזט זיך: עס זיינען ערהאלטען געווארען בעריכטען פון דאברודזשא, אז בולגאריע קאנצענטרירט א גרויסע ארמיי דריי מייל פון דעם רומענישען גרענעץ, און דאס די בולגארישע סאלדאטען זיינען פערנומען מיט גראבען טרענטשעס. ארום א צווייטער זייט האט מען געזעהען בולגארישע ארטילעריע וועלכע האבען זיך דערנעהנטערט צום רומענישען גרענעץ.

די רומענישע אפיציעלע רעגירונגס צייטונג "רומאניא", ערקלעהרט אז רומעניע מוז זיך אריינווארפען אין דער יעצטיגער מלחמה זי קען ניט בלייבען נייטראל און ווארטען ביז מען וועט זי אנגרייפען.

סערביען ניט צו איהר פערלוסט

לאנדאן אקטאבער 12.

אן אפיציעלער בעריכט וועלכער איז נעכטען ארויסגעגעבען געווארען פון ניש, און איז אנגעקומען היינט אהער לעזט זיך ווי פאלגט:

די סערבען האבען אבגעלעדיגט בעלגראד זייער הויפט שטאדט און האבען זיך צוריקגעצויגען צו שטארקערע פאזיציאנען. די סערבען האבען די שטאדט אליין אויפגעגעבען ווייל זיי האבען ניט געוואלט די שטאדט זאל פערניכטעט ווערען פון דעם דייטשען ארטילעריע פייער.

דער בעריכט ערקלעהרט ווייטער אז די שטאדט בעלגראד האט פאר די דייטשען ניט קיין מיליטערישען אדער סטראטעגישען ווערטה.

די סערבען שלאגען זיך מוטהיג אויף דער גאנצער לענג פון פראנט.

די עסטרייך דייטשע טרופען נוצען שווערע הארמאטען מיט וועלכע זיי באמבארדירען די סערבישע פאזיציאנען, און די פערלוסטען זיינען גרויס פון ביידע זייטען.

ווי דער סערבישער בעריכט גיט צו האבען די סערבען העלדיש געקעמפט פאר זייער הויפט שטאדט און די עסטרייך־דייטשע ארמיי האט טהייער בעצאהלט פאר איהר זיעג. עס איז אבער געווען נאטירליך אז די עסטרייך דייטשע ארמיי זאל זיעגען ווייל זיי זיינען געווען פיעל שטארקער.

ענגלאנד זיעגט אין א לופט שלאכט

לאנדאן אקט. 11

אן אפיציעלער בעריכט וואס איז דא היינט ארויסגעגעבען געווארען בעריכטעט דאס די ענגלישע ארמיי האט געזיעגט איבערהויפט אין דעם שאמפיין דיסטריקט.

עס זיינען אויך פארגעקומען פיעלע שלאכטען אין דער לופטען און דער בעריכט וועגען די לופט שלאכט לעזט זיך ווי פאלגט:

נעכטען זיינען פארגעקומען עלף שלאכטען אין דער לופטען צווישען אונזערע און דעם שונא'ס לופט שיפען. ניין פון די עלף האבען מיר געוואונען. איינער פון דעם שונא'ס לופט שיפען איז ארונטער געפאלען, אויף זייער זייט. ער איז אין גאנצען פערניכטעט געווארען, און אן אנדער לופט שיף איז ארונטערגעפאלען א צושמעטערטע ארום אונזער ליין

מיר האבען אין אלע שלאכטען בלויז פערלארען איין לופט שיף.

ענגלישע האוז אף קאמאנס וועגען דער אמעריקאנער הלואה

לאנדאן אקט. 11

מארגען ווען די מיטגליעדער פון דער האוז אף קאמאנס וועלען זיך פערזאמלען וועלען זיי די ערשטע זאך פערהאנדלען די פראגע וועגען געבען דאס רעכט דער רעגיערונג צו מאכען די הלואה אין די פעראייניגטע שטאאטען.

ווי בעוואוסט האט די ענגלישע און פראנצויזישע פינאנץ קאמיטע וועלכע איז געווען אין ניו יארק מיט עטליכע וואכען צוריק געמאכט אלע פארבערייטונגען צו בעקומען פון אמעריקאנער באנקירען א הלואה אויף א האלבען ביליאן דאלאר.

אבער דאס זיינען ניט מעהר געווען ווי פארבערייטונגען ווי אויפצודינגען זיך וועגען דעם פראצענט, סעקיוריטיס און זא ווייטער. די נאוטס אבער דארפען ארויסגעגעבען ווערען אפיציעל פון דער רעגיערונג און דערצו דארף זי האבען די צושטימונג פון דער האוז אף קאמאנס.

עס איז פערשטענדליך אז די האוז אף קאמאנס וועט דערצו צושטימען און עס ווערט אויך ניט זיין קיין אבהאלט מצד דער ענגלישער רעגיערונג צו נעהמען דאס געלד און געבען וועקסלען, אבער אלעס מוז דורכגעהן גאנץ פארמאל.

פראנצויזען בעריכטען א זיעג

פאריז אקטאבער 11.

די פאלגענדע אפיציעלע ערקלעהרונג איז דא היינט ארויסגעגעבען געווארען.

מיר האבען געמאכט א זעהר גוטען פארטשריט אין די וועלדער אויף'ן וועג פון שאטעי און אנגר.

מיר האבען אויך געוואונען גרונד ארום לאפאל, פערנעהמענדיג הונדערט דייטשע געפאנגענע פון זייערע וואכען.

מיר האבען אויך געמאכט ווייטערדיגען פראגרעס אין שאמפיין, אטאקירענדיג דעם גאנצען דייטשען פראנט, מיר האבען דארט גענומען 108 דייטשע געפאנגענע צווישען זיי צוויי אפיצירען.

אונזערע קאנאנען האבען געענטפערט מיט א גוטען פייער די דייטשען וועלכע האלטען אין שטורמען אונזערע נייע פאזיציאנען נאך אהן אויפהער.

איבערהויפט קומען פאר גאנץ שארפע צוזאמענשטויסען פון ארטילעריע ארום לא פרעט, אין דעם ראיאן פון לארעין.

23 טעג זענען שוין אריבער

זייט דאס געלד פאר די מלחמה קרבנות איז געקאלעקטעט געווארען אין די שוהלען

וואו איז דאס געלד?

איז עס אבגעשיקט געווארען?

אין וועלכער באנק געפינט זיך עס?

דיעזע פראגע פרעגען די אידען פון טאראנטא

אויסזיכטען אויף האנדעל צווישען קענעדע און רוסלאנד

אטטאווא אקט. 10

מר. צ. פ. דזשאסט, וועלכער האט ערשט ניט לאנג געמאכט א ספעציעלע רייזע הודך רוסלאנד פאר'ן דעפא[illegible] טרייד און קאמערץ זובענדיג [illegible] לעגענהייטען פאר קענעדע, ערקלעהרט אין א בעריכט וואס איז ערשט פערעפענטליכט געווארען, דאס די פערבעסערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אין רוסלאנד בנוגע דער סיבירישער אייזענבאהן און אויך דאס וואס די פראכט פרייזען זיינען רעדוצירט געווארען פאר סחורות וואס ווערען געשיקט פון אמעריקאנער פאסיפישען פונקט דורך וולאדיוואסטאק, גיט העכסט ערמוטיגענדע אויסזיכטען אז קענעדע זאל מיט דער צייט ענטוויקלען א גרויסען האנדעל מיט די אינערליכע פונקטען פון רוסלאנד עס איז נאטירליך איצט אבגעשטעלט, דער האנדעל מיט דייטשלאנד און רוסלאנד וויל זעהר בעסער האנדלען מיט די לענדער פון די [illegible] און אזוי ווי עס וואקסט אין מזרח [illegible]רונג און מיט איהר די [illegible] מודערנע מאשינער[illegible] [illegible]יענטען [illegible] פאר'ן ד[illegible] עהנליכע [illegible] פעל דאס קענע[illegible] צו ענטוויקלען א גרויס[illegible] [illegible] נגענדען פון רוסלאנד. ווי[illegible] פרובט, רעדען ערמוטיגענד די איב[illegible] הייזער אין וולאדיוואסטאק וועגען אנפאנגען צו האנדלען מיט בריטיש קאלומביא אין עפעל און בארען.

די ענדערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אין רוסישען קאבינעט פערשאפען א גרויסען גערודער

לאנדאן אקטאבער 11.

דער קארעספאנדענט פון דער דיילי קראניקל אין פעטערבורג שרייבט, אז די אנאנסירונג וועגען די אומענדערונגען אין דעם רוסישען קאבינעט האבען דא פערשאפט א גרויסע איבערראשונג.

סאמארין איז אראבגעזעצט געווארען פון זיין אמט אלס הויפט פראקוראר פון דעם היילינגען סענאד, דאס אליין איז געווען א זעהר גרויסע איבערראשונג ווייל סאמארין איז ערשט ניט לאנג דערהויבען געווארען צו דעם אמט און אלע האבען געדענקט אז ער וועט אויף דעם אמט לאנג פערבלייבען, אבער ווי עס ווייזט אויס האט ער זיך דארט ניט געקענט אפילו אנווארימען.

שטשערבאטאף וועלכער איז געווען דער ליבעראלסטער מיניסטער מיט אינערליכע אנגעלעגנהייטען איז אויך ארונטער געזעצט געווארען פון זיין אמט. ער האט זיך גערעכענט אלס דער ליבעראלסטער פון דעם גאנצען רוסישען קאבינעט, און ער האט ערשט פערנומען זיין אמט מיט עטליכע מאנאטען צוריק, ווען אין רוסלאנד איז געווען א גרויסע פאדערונג פאר רעפארמען.

זיין פלאץ וועט פערנומען ווערען פון דעם נייעם מיניסטער פאר אינערליכע אנגעלעגענהייטען כוואסטאף, דער געוועזענער גובערנאטאר פון ניזשני נאווגאראד. ער איז א בעוואוסטער רעאקציאנער.

ניט לאנג צוריק איז ער געווען א דעפוטאט פון דער דומא. דארטען האט ער זיך אויך געהאלטען אן דעם פליגעל פון די עקסטרים רעכטע.

די לעצטע צייט אבער האט כוואסטאף געמאכט איינינגע אטאקעס אויף דער רעגיערונג פון דער דומא פלאטפארמע. ער האט קריטיקירט דעם פינאנץ מיניסטער ווארום ער ערלויבט ניט און העלפט ניט צו גרינדען פינאנציעלע סינדיקאטען.

וואס די רוסישע רעגיערונג מיינט מיט דעם וואס זי האלט אן איין בייטען איהרע מיניסטארען איז אונבעוואוסט, קיין גוטעס קען מען געוועהנליך דערפון ניט ערווארטען. איין רעאקציאנער געהט אראב און נאך א גרעסערער געהט ארויף. אין טאמער געפינט זיך שוין יא ערגעץ א ליבעראל בייט מען איהם אום אויף א רעאקציאנער.

נאכ'ן מיטינג

דער געשפרעך פון טאג איז נעכטען אין טאראנטא געווען, עס פערשטעהט זיך, דער גרויסער היסטארישער מיטינג פון זונטאג אין שעיס היפאדראם.

אין קיין הינזיכט האט דיעזער מיטינג ניט זיין גלייכען. קיין מאל האבען זיך, קיין עין הרע, אזוי פיעל טאראנטער אידען פערזאמעלט אויף איין פלאץ צו הערען א גוט ווארט, ווייל אויב עס זיינען אין דעם ריעזיג גרויסען היפאדראם ניט געווען מיט א דריי אדער פיער טויזענד מעהר איז אין דעם שולדיג בלויז די בעשרענקטקייט פון שטח:

דער גרעסטער האלל קאן דאך ניט זיין גרעסער ווי ער איז.

צו קיין מיטינג זיינען ט געקומען אלע אידישע־קלאסען, שיכטען און אידעאליסטען ווי צו יענעם מיטינג, און דערפאר קאן מען איהם באמת רופען א מיטינג פון פאלק.

און נאך א זאך:

דער מיטינג האט אייגענטליך געזאלט זיין א פראטעסט געגען די שטיינער וואס ווערען געלייגט אויפ'ן וועג פון די פערשיעדענע ארבייטען וואס ווערען געטהון פאר'ן בענעפיט פון אידישען בלוטענדען פאלק, און ער איז עס אויך געווען דערמיט וואס דאס פאלק איז געקומען אין זיינע טויזענדער, און דאך האט זיך ניט געפיהלט קיין שנאה חלילה, צו קיינע טהיילען פון אידישען פאלק.

מען האט גערעדט פון שלום פון דער פלאטפארמע און די הערליכע פערזאמלונג האט אויסגעדריקט איהר צושטימונג דורך די אפלאדיסמענטען וואס האבען געדונערט ווען דאס צויבער ווארט „שלום" איז ארויסגערעדט געווארען פון דעם אדער פון יענעם רעדנער. און האט יעדער איז איבערצייגט דאס צו שטערען אין וועלכען עס איז זינען די נאבעלע ארבייט פון קלייבען געלד פאר די מלחמה ליידענדע איז א שוידערליכער פערברעכען דאך האט זיך ניט געפיהלט אין דער אטמאספערע קיין גרויסער אויסברוך פון פאלקס צארן געגען יענע פערברעכער, ווייל יעדער פיהלט און איז איבערצייגט, אז דאס איז א „קאנטיטע נעגליזשאבל", אז די פערברעכער זיינען בלויז א פאר בריאים וועמענס ארימע נשמות זיינען גערגיז אזוי צעפוילט, אז עס לוינט זיך ניט צו רעדען און געוויס ניט אויף זיי [illegible]רק פאראיבעל צו האבען. וועגען דער עילה וואס איז בעגאנגען געווארען געגען פערבאנד מצד דער ציוניסטישער פעדעראציע אין רופען א צווייטע קאנווענשאן, מעשה קאנקורענציע, האט מען אויך געפיהלט אז, טראץ דעם פערברעכען וואס אזא שריט, אין אזא צייט, איז דאס עס זיינען געוויס דא געווען מיספערשטענדניסע, וועלכע וועלען געוויס קלאר ווערען און דאס עס וועט צו קיין שפאלטונג צווישען קענעדער אידען ניט קומען.

איבערהויפט איז נעכטען פיעל גערעדט געווארען וועגען אונזער גאסט, דעם גרויסען אידישען געלעהרטען פראפעסאר סלושץ. יעדער האט געהאט אנצודייטען וואס ער האט געלערענט פון דער קורצער רעדע.

פיעלע האבען צוגעגעבען דאס זיי האבען דאס ערשטע מאל אין זייער לעבען געהערט אז אידען האבען געלעבט אמאל גליקלאך אויף אן אאזיס אין דער אפריקאנער מדבר זאהארא און דאס אויך פון דארט זיינען זיי פערטריבען געווארען.

עס זיינען אויך דיסקוטירט און איבערגערעדט געווארען די פערשיעדענע היסטארישע פאקטען בנוגע אידען, אידישע שרייבער און דענקער, און איבערהויפט אינטערעסאנטע היסטארישע עפיזאדען ווי דער ציטירט פון פלאוויוס א. א. וו.

עס איז פיעל גערעדט געווארען וועגען דעם פונקט וואס ער האט אנגעוויזען אז קענעדער אידען מוזען, צוליעב זייערע אייגענע אינטערעססען, האבען אזעלכע פערזאנען ווי א ראובן ברייגין.

בכלל האט דער עולם גערעדט וועגען מיטינג ווי פון אן אויסערגעוועהנליכער פאסירונג אין אונזער פאלקס לעבען און וועגען די צוויי גרויסע און ליעבע געסט ברייגין און סלושץ.

הערר ברייגין איז נעכטען אוועק אבגעפאהרען קיין מאנטרעאל, נאכדעם ווי ער האט דא ביינעוואהנט א מיטינג פון קאנפערענץ.

פראפעסאר נחום סלושץ פאהרט היינט פריה אב קיין סאן פראנציסקא צו דער אויסשטעלונג. אויף זיין וועג וועט ער זיך אבשטעלען אין שיקאגא. פאהרענדיג צוריק אין א מאנאט ארום וועט ער זיין אין טאראנטא, וואו עס וועט פיליכט געלונגען צו הערען פון איהם א לעקטשור — ניט קיין אגיטאטארישע רעדע, נאר א לעקטשור — איבער ענינים וואס זעהר פיעל טאראנטער אידען וואלטען געוואלט הערען און איבער וועלכע קיינער ווי ער האט אזוי פיעל צו זאגען.

א דאנק פאר דעם מיטינג קומט אלע. יעדער פון אייך האט געטהון גוטע פאלקס־ארבייט. יישר כחכם, גוטע אידישע ברידער און שוועסטער!

פ. ס. דער סילווער קאלעקשאן ביי דער טהיר האט אריין געבראכט $170 א טהייל פון דעם וועט דעקען די עקספענסעס פון מיטינג און דאס איבעריגע וועט בלייבען אנצוגעהן מיט פערבאנד עקספענסעס, ווייל פון דער קאסע פון מלחמה קאנפערענץ וועט קיין סענט אויף זייטיגע אויסגאבען, נאטירליך, ניט געריהרט ווערען.

די פערלוסטען פון דער ענגלישער ארמיי.

לאנדאן אקטאבער 11

די ענגלישע פערלוסטען פון דעם ערשטען אקטאבער דערגרייכט עטוואס מעהר ווי 21,000. פאר דער ענדע פון דיזער וואך, איז אפיציעלע בעריכטעט געווארען אז די פערלוסטען זיינען געווען 200 אפיציערען 4300 סאלדאטען. די פערלוסטען פון דעם ערשטען אקטאבער ביז יעצט 981 אפיציערען און 20,351 סאלדאטען.

א פראגע וועגען לארד ריעדינגס האנדלונג אין אמעריקא

לאנדאן אקט. 11

באראן סטארטשי האט מודיע געווען אז ער האט בדעה צו פרעגען די רעגיערונג אין הויז אף לארדס, אויב לארד ריעדינג, האט געהאט פאלמאכט צו זיין איינשטימיג מיט די פעראייניגטע שטאאטען צו גרינדען א נייעם אינטערנאציאנאלען טריבונאל אויף'ן ארט פון די איצטיגע פרייז קאורטס.

דער יונגער דעלקאסע, קריגט א יאהר פריזאן.

בערלין קאט. 10.

לייטענאנט זשאק דעלקאסע, דער זוהן פון פראנצויזישען אויסלענדישען מיניסטער, וועלכער איז א קריעגס געפאנגענער אין האללע, איז פעראורטהיילט געווארען ווערשפארט צו ווערען פאר א יאהר אין א פעסטונג דערפאר וואס ער האט גערעדט שימפפענד פון דייטשלאנד און ער האט זיך ענטזאגט צו פאלגען ארדערס.

בריעף אין אפיס פון זשורנאל

עס ליגט ביי אונז א בריעף פון מאנילעוו אדרעסירט צו א שוועסטער מיסס ברוקס 42 טעראלי סטריט.

געלד געשיקט

מר. ה. זויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

דער פרייז פון היינטיגען
— טאגעס קורס —

37

סענט (פארזרובעל)

מר. ה. זויינבערג, דער ארויסגעבער פון „זשורנאל" מיינט בכוון די טובה פון די וואס שיקען, אז זייער געלד זאל אנקומען שנעל, ריכטיג און פאר דעם ביליגסטען פרייז.

פאנגט אן היינט צו לעזען דעם ראמאן "איהר עהרע" פון אנפאנג — אין היינטיגע נומער —

Real Estate
ריעל עסטייט

צו פערדינגען א סטאר מיט 6 רומס אלע קאנוויניענס 171 סענט פעטריק געגענאיבער קענזינגטאן עוועניו.
נאכפרעגען 6 דעניסאן סקוועהר.
3907—18—10

א הויז פון 6 רומס, צו פערדינגען. פרעגען 61 קעמערען סטריט.
3906—10—14

פערלאנגט צו קויפען א סטאר אין קווין סטריט. ביטווין יארק און באטער סט. סאוט סייד, גוט פראפעטעדזש און אין גוטע איינצאהלונג.
פרעגען גאלדבערג 195 אגוסטא עוועניו
3901—15—10

צו פערדינגען פלעטס, אלע קאנוויניענס. געהייצט. ערשט געפייפערט.
פרעגען 369 קווין סטריט וועסט.
רענט מעסיג.
3904—14—10

א פארנישר רום צו פערדינגען אין אן אנשטענדיגע פאמיליע, אורזאכע דער מאן אין א טראוועלער און געפינט זיך וועלטען אין הויז, פרעגען 91 גרענדזש עוועניו. ביליג רענט.
3895—10—13

7 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 228 מארקהעם סטריט $16 א מאנאט.
7 רומס מיט אלע קאנוויניענס אין 43 ראיערסאן עוועניו $$4 א מאנאט.
4 רום קאטעדזש אין ליפינקאט סט. $7 א מאנאט.
פרעגען דזש. גרענער 32 בעלווי עוועניו. טעלעפאן קאלעדזש 6463
3895—13—10

א פלעט צו פערדינגען אין 399 ערלייד וועסט, אלע קאנוויניענס.
3896—10—18

אן אנשטענדיגער יונגער מאן קען קריגען א שעהנע געפארנישטע רום ביי חזן מאנאוויטש אין 233 בעווערלי סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2033
3893—10—13

א גרויסער בארגיין צו פערדינגען א 7 רום הויז מיט א סטעביל פאר 11 דאלאר א מאנאט. נאכפרעגען 9 קעזשמער סטריט אויף סט. פעטריק פאר באטהורסט.
3865—18—10

צו פערדינגען א דאבעל פארלא ביליג רענט אלע קאנוויניענס, 78 סט פעטריק סטריט.
3891—10—22

צו פערדינגען א סטאר און 3 רומס $15.00 קארנער אננעס און סענטער עוועניו. אלע קאנוויניענס. נאכפרעגען הארדי ראטענבערג 120 יוניווערסיטי עוו. פאן קאל. 207
3884—12—10

צו פערדינגען א דאבעל הויז 51 עליזאבעט סט. נייע געקלינט 5 רומס 15 דאלערס פרעגען האלגרייווס ליווערי 11 גראנדזש עוועניו קאלעדזש 4953 דער שליסעל נאבער 47.
3878—12—10

צו פערדינגען א הויז פון 4 רומס ניי געקלינט רענט 10 דאלארס פרעגען האלגרייווס ליווערי 11 גריינדז אווע. קאלל. 4953,
3878—12—10

צו פערדינגען 25 אונד 27 גערארד וועסט. אלע קאנוויניענס, נייע פלומבינג ניי דעקארעטעט $17.00 7 רומס, נאכפרעגען 29 גערארד סט וועסט.
3885—12—10

צו פערדינגען א פראנט געפארנישט רום פרעגען 223 בעווערלי סט.
3887—10—12

א סטאר צו פערדינגען 812 קאלעדזש סטריט. אלע קאנוויניענס סטייבילס ביליג רענט א יארד און סאליד בריק.

2 פלאר סטייבעל צו פערדינגען. ביליג רענט. פרעגען דייווים 212 סימקא סטריט.
3883—10—12

צו פערדינגען א שעהנע 8 רומיגע הויז מיט אלע קאנוויניענס, ניי דעקארירט אין אקספארד סטריט. פרעגען דייוו זוסמאן 69 עלם סטריט. ביליג רענט.
6898 10 17

דער בעסטער פלאמבער און בלעקער עס ווערט געמאכט אלערליי ארבייט אויף לייכטע אבצאהלונג. פיורנעס פייפ און סטאף פייפ 6 סענט א לענג.
ב. שערמאן 527 קווין סטריט וועסט טעלעפאן ארעלייד 2055.
390211—11

עקספרעסען און שווערע וועגענס. ווי אויך פוירסט קלאס קערידזשעס פיר חתונות צו רענטען. פרייזען פון $1.00 ביז $1.75 יעדער. ספעשעל פרייזעס פיר לויות. האלגרייווס ליווערי 11 גרענדזש עוו. פאן קאלעדזש 4953.

פעדלערס

מיר צאהלען 6 סענט פאר אלטע טייערס 1327 דאנדעס סטריט. טעלעפאן דזשאנקשאן 5952.
3830—12—10

„איהר עהרע"

אן אריגינעלער און שפאנענדער ראמאן אויס דעם היגען אידישען לעבען.

געשריבען ספעציעל פאר'ן „אידישען זשורנאל"

פון ב. באראן.

אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

„דיעזען מאל וועל איך איהם זיכער טרעפען. ער וועט זיך פון מיינע הענד ניט ארויסדרעהען. ער וועט דא זיכער ווערבי געהן. איך זאל נור ניט פערפעהלען דעם ציעל. מיין הארץ זאל זיין שטארק, און מיין האנט זאל ניט ציטערען."

די פערזאן, וועלכע האט גערעדט דיזע ווערטער איז געשטאנען אין א פינסטערער הינטער געסעל ארום קינג סטריט, ניט ווייט פון די מאסי העריס פאבריקען. די פערזאן איז געווען געקליידעט אין א לאנגען שווארצען מאנטעל און א שווארצער הוט, וועלכע איז געווען אריבערגערוקט איבער די אויגען. עס איז געווען שווער צו דערקענען, צו דאס איז געווען א מאן אדער א פרוי.

די פערזאן האט זיך יעדער ווײלע שטארקער און מעהר פערוויקעלט אין'ס שווארצען מאנטעל און האט זיך געטוליעט צו די קאלטע ציגעל פון דער וואנט וואו זי איז געשטאנען.

„און וואס וועט זיין, אז מען וועט מיך כאפען?" האט די פערזאן צו זיך אליין גערעדט.

„גארנישט, האט דיא פערזאן זיך אליין געענטפערט, איך וועל דערצעהלען דעם אמת און זאל מען מיך אויפהענגען, מיין לעבען איז אלעספאלס גארנישט ווערטה. איך בין יעדע מינוט גרייט צו שטארבען, איך וועל ניט ווארטען ביז מען וועט מיך כאפען. איך וועל מיר פריהער ארײנשיסען א קויל אין קאפ.

„אבער ניין! ניין — איך מוז לעבען, איך דארף אין גאנצען אויספילען מיין אויפגאבע. די וועלט מוז נאך וויסען ווער ער איז געווען, און חוץ מיר איז ניטא קיינער ווער עס זאל דאס טהאן".

די פערזאן האט זיך א שטארקען טרייסעל געטהאן. פון דעם פינסטערען הינטער־געסעל האט מען דייטליך געקענט זעהען ווי אויף דער צווייטער זייט גאס איז געגאנגען א גאנץ שעהן געקליידעטער מאן. ער איז געגאנגען גאנץ געלאסען, און א צופריעדענער שמייכעל האט געשוועבט אויף זיינע ליפען, עס האט אויסגעזעהן, אז ער האט שטארק הנאה פון יעדען טראט וואס ער מאכט.

ער האט געריכערט א גראבען שמעקענדיגען ציגאר, און האט יעדער ווײלע ארויסגעלאזען פון מויל א גאנצען וואלקען מיט בלויען רויך.

„דיעזען מאל וועט זי זיך אונטערגעבען מיט גוטען אדער מיט בייזען. זי איז אין ריכטיגע הענט. טשארלי וועט זי ניט ארויסלאזען. אויף איהם מעג מען זיך פערלאזען. ער איז א גאנץ בראווער קערל מען קען זיך אויף איהם פערלאזען ווי אויף זיך אליין.

„אך, מיין קראסאטקע, ווי דו וועסט זיך באלד צאפלען ביי מיר אין די הענד, כא־כא־כא!

דער מאן האט זיך פענאנדערגעלאכט מיט א גראבען ציניש[ע]ן געלעכטער הויך אויס'ן קול.

„איך געדענק נאך ווי דו האסט מיר דעם לעצטען מאל צוגעזאגט מיין פנים ווי א קאץ. דאן האב איך דיך אפגעלאזט, אבער יעצט „נא מאור", דו וועסט שוין מעהר ניט ארויספיהרען. קיינער איז נאך ביז יעצט ניט געגאנגען געגען מיין ווארט און געוואנען מיין בעשלוס. וועה וועט זיין יענעם ווער עס וועט זיך מיר שטעלען אין וועג, און מיך ניט לאזען אויספיהרען דאס, וואס איך וויל. דערביי האבען זיך דעם מאנ'ס הענט אויפגעדריקט אין פויסטען, און האבען ווי געדראהעט אין דער לופטען. באלד איז ער ווידער צו זיך געקומען און אויף זיין פנים האט זיך געוויזען דער פריהערדיגער צופריעדענער שמייכעל.

„איך וועל דיך ארייננעהמען אין מיינע שטארקע ארעמס אזוי, אז דו וועסט מיך פיהלען, אט אזוי! כא־כא־כא! און ער האט זיך ווידער פענאנדער געלאכט מיט זיין גראבען ציניש[ע]ן געלעכטער. איך וועל באלד בעזיצען די, אויף וועלכער קיינער קען זיך ניט בעריהמען, דאס זיין האנט איז אויף איהר געווען.

„דו ביזט דאך אזא שעהניגקע קעצעלע מיינס, שאדע, אז אזא שעהנע בלום זאל ערגעץ פערוועלקט ווערען. אלע פרויען זענען בעשאפען געווארען צוליעב דעם פערגעניגען פון דעם מאן, ווארום זשע זאלסטו זיין אן אויסנאהמע? און שפעטער צו ווען איך וועל זיך גענוג אנזעטיגען, וועסטו מיר א פערמעגען ארײנברייגנען. אזעלכע סחורה מאכט זיך ניט אלע מאל. דאס קען נור טרעפען איינמאל אין א יאהרהונדערט, אז אזוינס זאל געבארען ווערען. איהרע האהר, איהר פנים און איבערהויפט איהר לייב. אח, עס מאכט מיך משוגע."

דער מאן האט גענומען שטעלען גרעסערע טריט, ווי ער וואלט שוין שנעלער געוואלט זיין דארטען.

„און ווער בעזיצט אזא אוצר? אזא פייגעלע? נור איך און קיין אנדערער. היינט, באלד וועט זי זיין אין גאנצען מיינע. איך מעג שטאלצירען. קיינעם האט זיך נאך ניט איינגעגעבען צו כאפען אזוינס." דערביי האט דער מאן שטאלץ אויפגעהויבען זיין קאפ און האט אויסגעשטרעקט זיין ברוסט.

פלוצלונג האט זיך דערהערט א מורא'דיגער קראכען פון א רעוואלווער. פריהער איינער, דאן א צווייטען שאס און דערנאך גאר אהן אויפהער.

די אונגעוועהנליכע שטילקייט פון גאס, האט צוגעגעבען א שרעקליכען אויסזעהען צו דער סצענע וועלכע האט זיך אבגעשפיעלט ניט מעהר ווי אין איין אויגענבליק.

אייניגע פערבייגעהער זענען פאר שרעק געבליבען שטעהן אויף זייערע פלעצער ניט קענענדיג זיך ריהרען פון ארט. אנדערע זענען אויך פאר שרעק געלאפען אין פערשיעדענע ריכטונגען און האבען געשריהען פאליס, מוירדער, העלפ. אנדערע זענען צוגעלאפען צום פלאץ וואו דער מאן איז געלעגען.

עס האט לאנג ניט גענומען און א פאליסמאן איז געווען אויפ'ן פלאץ. ער איז צוגעגאנגען און האט בעטראכט דעם מאן, וועלכער איז געלעגען אין א טייך בלוט אויפ'ן סיידוואק.

ווען דער פאליסמאן האט פרובירט דעם מאן א הויב טהאן דעם קאפ, האט זיך א שטראם שווארצע בלוט א לאז געטהאן פון זיין האלז, און ער האט גענומען כארכלען ווי א געקוילעטער אקס.

אין דער צייט האט שוין אימיצער אבגעטעלעפאנירט צו דער פאליציי און האספיטאל. עס איז באלד אנגעקומען א פאליציי פאטראל, און אן אמבאלאנס.

„וואס האט פאסירט?" האט געפרעגט דער פאליציי סארדזשענט, וועלכער איז אנגעקומען מיט'ן פאטראל.

„א שוידערליכער מארד! האט דער פאליסמאן, וועלכער איז געווען אויפ'ן פלאץ דער ערשטער געענטפערט. א מאן איז ערמארדעט געווארען, אדער איז אליין בעגאנגען זעלבסטמארד".

דער סארדזשענט האט געוואלט צוגעהן א קוק טהאן אויפ'ן ערמארדעטען, אבער די לייטע פונ'ם אמבולאנס האבען איהם שוין געטראגען אין וואגען אריין.

בי דער שיין פון די אויטאמאביל־לאמפען האט דער סארדזשענט דערזעהען דאס געזיכט פון דעם מאן. ער האט אינסטינקטיוו א ציטער געטהאן און האט געמורמעלט: „סטראנג דייוו". ער איז גלייך צוגעלאפען צו די פאליסלייט און האט בעפוילען זיי זאלען ארומרינגלען דעם גאנצען געגענד און פערהאלטען אלע פערדעכטיגע פערזאנען. אליין איז ער צוגעלאפען צום אמבולאנס דאקטאר און האט געפרעגט וואס עס הערט זיך מיט'ן מאן.

„ער לעבט נאך," האט דער דאקטאר געענטפערט. אבער עס איז צווייפעלהאפט, אויב ער וועט בלייבען לעבען. אלענפאלס מען דארף איהם שנעלער אבפיהרען אין האספיטאל.

דער סארדזשענט האט זיך צוזאמען מיט'ן דאקטאר אריינגעזעצט אין אויטאמאביל און זענען וועקגעפאהרען אין סאנט־מייקעלס האספיטאל. דארטען איז דער געשאסענער גלייך ארויפגעלעגט געווארען אויפ'ן אפעראציאנס טיש, און די דאקטוירים האבען אויסגעפונען, אז דעם מאנ'ס גאנצער קערפער איז צולעכערט ווי א זיפ פון רעוואלווער קוילען.

„דער מאן וועט באלד שטארבען! האט געזאגט דער הויפט דאקטאר ארויסגעהענדיג פון אפעראציאנס צימער, אויב דער מאן האט דא עפעס פריינד, אדער פערוואנדטע, האט מען זיי געמעגט אנזאגען וועגען דעם".

„מיר ווייסען אבער ניט ווער ער איז! האט געענטפערט א יונגע פרייליין פון האספיטאל אפיס. אין זיינע קעשענעס האט מען גארנישט געפונען חוץ 100 דאלאר אין בילס, אביסעל קליינגעלד און א גאלדענעס זייגער, אבער קיין קארט אדער וועלכען עס איז געשריבענעם פאפיר.

„אזוי! האט דער דאקטאר פערוואונדערט געזאגט. איז ווי עס ווייזט אויס, איז דער מארד ניט בעגאנגען געווארען צוליעב רויב".

„זיכער ניט! האט די פרייליין געענטפערט, אלענפאלס, קען דיענען דער פאקט, וואס דאס געלד ביים ערמארדעטען אין די קעשענעס איז ניט גערירט, און אפשר, האט די פרייליין פארטגעזעצט האבען די רויבער קיין צייט ניט געהאט דאס געלד צו צונעהמען?"

„דאס קען אויך זיין" — האט דער דאקטאר געזאגט, אלענפאלס אין דעם מוז זיין פערוויקעלט א גרויסע געהיימניס.

דער דאקטאר האט שוין געוואלט ארויס פון אפיס, ווען דאס פרייליין האט איהם אבגעשטעלט און האט איהם געזאגט, אז אין דעם ערמארדעטענס ראק, זענען אויסגענייט צוויי בוכשטאבען אין ענגלישער „ד" און א „כ".

„דאס קען פיללייכט פיהרען צו א שפור, האט דער דאקטאר געזאגט, מען קען זיך פון דעם דערוויסען ווער דער מאן איז".

אין דער זעלבער צייט איז דער געשאסענער געלעגען אין אפעראציאנס צימער און האט אלץ געכארכעלט ווי פאר'ן טויט. פלוצלונג האט ער אבער אן עפען געטהאן די אויגען און האט זיך ארומגעקוקט ארום זיך. א דאקטאר און דער פאליס סארדזשענט זענען צו איהם צוגעלאפען און דער דאקטאר האט איהם א פרעג געטהאן:

„ווער האט עס אייך געטהאן. ווי הייסט איהר? און ווער זענט איהר?"

„זי, זי," האט דער געשאסענער ארויסגעקרעכצט, און האט זיינע אויגען געשלאסען.

אין דעם איז אין צימער האסטיג אריינגעלאפען א פאליסמאן און צולויפענדיג צום סארדזשענט, האט ער סאפענדיג געזאגט:

„מיר האבען געפונען . . ."

(1־טע פארטזעצונג.)

הײנטיגע פארטזעצונג.

„וואס, און וואו, האט איהר געפונען? ! האט דער סארדזשענט געפרעגט ברענענדיג פאר נייגעריגקייט.

„מיר האבען לויט אייער בעפעהל ארומגערינגעלט דעם גאנצען געגענד, מיר האבען אויסגעזוכט יעדען ווינקעלע, קיין לעבעדיגען מענשען האבען מיר דארט ניט געפונען, וועלכער זאל האבען אויף זיך וועלכען עס איז חשד. מיר האבען שוין געוואלט אוועקגעהן, איך האב אבער בעשלאסען נאך אמאל א קוק צו טהאן אויפ'ן פלאץ וואו דער ערמארדעטער איז געפונען געווארען און צוגעהענדיג נאהענט, האט עטוואס ווי א בליץ געטהאן פאר מיינע אויגען. איך האב זיך אנגעבויגען צו דער ערד און האב אויפגעהויבען דיעזען רעוואלווער". דערביי האט דער פאליסמאן ארויסגענומען א רעוואלווער פון קעשענע און האט עס איבערגעגעבען דעם סארדזשענט.

דער סארדזשענט האט א שמייכעל געטהאן פון דעם פאליסמאנ'ס גרויס געפינס, און האט זיך גענומען בעטראכטען דעם רעוואלווער. דאס איז געווען א גרוי־ רירען לויט די האספיטאל דאקטוירים. וועניג זענען געלעגען אויסגעשאסענע זעקס פאטראנעס.

דער סארדזשענט האט אריינגעלעגט דעם רעוואלווער צו זיך אין קעשענע, און האט אבגעשיקט דעם פאליסמאן אין סטיישאן. אליין האט ער זיך געשטעלט ריידען לויט די האספיטאל דאקטוירים.

„איז דא א מעגליכקייט, ער זאל בלייבען לעבען?" האט דער סארדזשענט געפרעגט איינעם פון די דאקטוירים.

„זעהר צווייפעלהאפט, האט דער דאקטאר געענטפערט. צו מאכען אן אפעראציאן אויף איהם יעצט איז פיעל מעהר געפעהרליכער איידער לאזען איהם אזוי. אלענפאלס, אויב ער וועט לעבען די קומענדע פיער און צוואנציג שטונדען, איז א מעגליכקייט מען זאל אויף איהם קענען מאכען אן אפעראציאן און דאן קען זיין ער זאל בלייבען לעבען.

דער סארדזשענט האט געטהאן זיין פאליציישע פליכט, און האט אוועקגעשטעלט א פאליסמאן צו היטען דעם געשאסענעם אנזאגענדיג איהם שטרענג זאל ניט אכטונג געבען אויף דיא וועלכע וועלען קומען זיך נאכפרעגען אויף דעם מאן.

וועגען צולאזען אימיצען צום געשאסענעם, האט זאגאר קיין רייד ניט געקענט זיין, ווייל ער איז געלעגען אין א פאלשטענדיג בעוואוסטלאזען צושטאנד.

אין דעם סטיישאן איז דער סארדזשענט געקומען צולויפען א שרעקליך פערסאפעטער, און האט אבגערופען דעם אינספעקטאר אויפ'ן טעלעפאן אדער דער אינספעקטאר האט שוין געוואוסט וועגען דעם מארד וואס איז פארגעקומען אין זיין דיסטריקט. ער האט נאר ניט געוואוסט ווער דער ערמארדעטער איז, און דערהערענדיג פון סארדזשענט אז דער ערמארדעטער איז „סטראנג דייוו", האט ער אזש פאר שרעק ארויסגעלאזען דעם רעסיווער פון האנד און איז גלייך געקומען צולויפען אין סטיישאן. ער איז געווען בלאס ווי א טויטער, ווען ער איז אנגעקומען און איז גלייך אריין צו זיך אין צימער מיט'ן סארדזשענט.

„סיי מעק! האט דער אינספעקטאר אנגעפאנגען אריינצוענדיג זיך אין ארם שטוהל. ווי אזוי האט עס פאסירט? ווייס מען פון די בעציהונגען וואס ער האט מיט אונז געהאט?

„איך ווייס ניט, אינספעקטאר! האט דער סארדזשענט אונטערטעהעניג געענטפערט. ער געפינט זיך יעצט אין סאנט מייקעלס האספיטאל אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד, און די דאקטוירים צווייפלען אויב ער וועט בלייבען לעבען. אין זיין קערפער געפינען זיך זעקס קוילען פון דיעזען רעוואלווער." דערביי האט דער סארדזשענט ארויסגענומען דעם רעוואלווער פון קעשענע און האט עס איבערגעגעבען צום אינספעקטאר.

דער אינספעקטאר האט דעם רעוואלווער גוט בעטראכט, ווי א געניטער מענש, וועלכער ווייס ווי ארומצוגעהן ארום געוועהר, און האט אויף א שטיקעל פאפיר אראבגעשריבען דעם נומער וועלכער איז געווען אויסגעקריצט אויפ'ן הענטעל. ער האט שוין געוואלט בעהאלטען דעם רעוואלווער אין דעסק, ווען ער האט בעמערקט א קליין שטיקעלע פאפיר צוגעקלעפט אויף וועלכען עס זענען אין אייניגע בוכשטאבען געווען אנגעצייכענט די פירמא, וואו דער רעוואלווער איז געמאכט געווארען. דער אינספעקטאר האט עס אראבגעקריצט, אזוי אז קיין סמן איז אויף דעם ניט געבליבען און האט דעם רעוואלווער בעהאלטען.

זיצענדיג פאר אייניגע מינוטען אונבעוועגליך און פערטראכט, האט זיך דער אינספעקטאר אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און האט מיט א שטרייענגען טאן א זאג געטהאן צום סארדזשענט:

„סיי מעק! „סטראנג דייוו" מוז שטארבען אונטער אלע אומשטענדען, אויב ער וועט זיך אליין ניט ענדיגען, דאן זאלסטו זעהען אימיצען, וועלכער זאל איהם פערענדיגען, און צוזאמען מיט איהם זאל ער מיט־נעהמען גטטנעזא. זאל ער מיטנעהמען אין קבר אלע געהיימניסע.

„געפין אימיצען אין האספיטאל, וועלכער זאל זעהען צו מאכען איהם א שנעל ענדע און אזוי ווי קיינער ווייס ניט ווער ער איז, וועט זיך אונז פיליכט איינגעבען די גאנצע געשיכטע צו דערשטיקען. אלענפאלס פאר אונז איז בעסער, אז ער איז אבגערוימט פון וועג, ווייל די לעצטע צייט איז ער געווארען צו פרעך, און האט געפאדערט מען זאל פאר איהם טהאן זאכען, וועלכע זענען געווען אונמעגליך. איך פלעג דאס אבער מוזען טהאן, ווייל איך האב פאר איהם פשוט מורא געהאט, ווארום ער האט צופיעל געוואוסט וועגען אונז און ווען ער וואלט נור זיין מויל געעפענט, וואלטען מיר געגאנגען אויף דער תליה".

„אלל־רייט אינספעקטאר! האט דער סארדזשענט געזאגט, איך ווייס אז איהר זענט קליגער פאר מיר און ווייסט וואס איהר טהוט, נאך היינט וועל איך זיין אין האספיטאל און וועל עס טרייען צו אטענדען. איך האב דארט א בעקאנטע נוירס, און ווען זי זאל נור וועלען, קען זי מאכען מיט איהם א סוף איינס און צוויי. איך ווייס אבער ניט צו זי וועט צושטימען צו אזא זאך".

„זאג איהר, האט דער אינספעקטאר שטרענג געזאגט, אז אויב זי וועט עס טהאן וועט זי בעקומען שעהנע עטליכע דאלאר, און פראטעקשאן דערצו, זי וועט נאר ניט דערפען מורא האבען אפילו ווען מען וועט זי כאפען, און טאמער וועט זי עס ניט וועלען טהאן, זאלסטו איהר זאגען אז מיר וועלען זיך מיט איהר אפרעכענען."

„איך דאנק אייך, אינספעקטאר, אז איך זאל נעהמען טשארלין צו הילף, ער איז א „סמארט גאי" און ער וועט עס קענען אויספיהרען שנעלער פאר מיר".

„אלל־רייט! עס איז א גוטע איידיע, טשארלי איז אלל־רייט, ער מאכט א גוטען דזשאב און פיללייכט וועט ער עס אליין קענען מאכען.

„איך געה טאקע גלייך צו טשארלען," האט דער סארדזשענט געזאגט און איז גלייך ארויס פון סטיישאן.

ווען דער אינספעקטאר איז אליין פערבליבען אין צימער, האט זיך זיין שטערען שטארק פערקנייטשט, און ער האט געמורמעלט צו זיך אליין: „ווער האט עס געקענט טהאן? זאל עס זיין, אז איינער פון זיין גיינג האט געמאכט דעם דזשאב? אבער מיר גלויבט זיך עס ניט. אלענפאלס וועל איך דאך גרינדליך אונטערזוכען און אויסגעפינען אויב אימיצער ווייס שוין וועגען דעם, וואס עס האט פאסירט, און טאמער ווייס מען שוין יא, וועט פאר מיר זיין די בעסטע זאך ווען איך זאל זיך בעצייטענס אפטראגען פון שטאדט. עס פעהלט מעהר ניט, אז דער טשיף זאל זיך דערפון דערוויסען".

דער אינספעקטאר האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען צו א שאפע אין וועלכער עס זענען געהאנגען פיעל ציווילע קליידער. ער האט זיך מיט א נערוועזער שנעלקייט גענומען איבערטהאן. באלד איז ער געווען אין גאנצען ציוויל געקליידעט. ער האט א קוק געטהאן אין א קליין שפיגעלע, וועלכע איז געהאנגען אין א צווייטען ווינקעל, האט זיך א גלעט געטהאן איבער זיינע שווארצע דיקע וואנצען און האט זיך געלאזט געהן צום טיהר.

דערהערענדיג א קלאפ אין טיהר, האט ער זיך אבגעשטעלט און האט א געשריי געטהאן „קאם אין".

אין צימער איז אריין א פאליסמאן און האט געמעלדעט, אז א דאמע וויל איהם זעהען.

„אזוי שפעט אין דער נאכט וויל מיך זעהען א דאמע? ! האט דער אינספעקטאר פערוואונדערט געפרעגט. זאג איהר, אז איך בין ניטא."

„איך האב עס איהר נאך פריהער געזאגט, אבער זי האט ניט געוואלט הערען און האט מיר ערקלעהרט, איך זאל זאגען אז איהר דארפט זי זעהען מעהר איידער זי אייך".

דער אינספעקטאר האט א ווילע נאכגעטראכט און האט דאן געזאגט:

„גוט! שיק זי אריין".

דער פאליסמאן איז ארויס און איידער דער אינספעקטאר האט זיך צייט געהאט צו זעצען, איז אין צימער אריין א פערשלייערטע דאמע זעהר רייך געקליידעט.

הײנטיגע פארטזעצונג

(2־טע פארטזעצונג)

— האלא אינספעקטאר! האט די אריינקומענדע פרוי געזאגט, און איז צוגעגאנגען צום צווייטען זייט צימער, זיך גענומען א שטוהל און האט זיך אוועקגעזעצט ניט ווייט פון דעם אינספעקטאר.

דער אינספעקטאר האט נאכגעקוקט דער פרוי אויף יעדען קעהר און האט ווי געוואלט מיט זיינע אויגען דורכדרינגען דעם געדיכטען שווארצען שלייער וועלכער איז געווען אויף דער פרוי'ס געזיכט און זעהען ווער זי איז, איהר קול אמת איז איהם זעהר שטארק בעקאנט געווען, און ער האט זיך געבראכען דעם קאפ צו דערמאהנען זיך ווער זי איז.

איך בין געקומען אייך פרעגען ווער עס האט ערמארדעט מיין דייווין? האט די פרוי געזאגט, און איהר שטימע האט געציטערט ווי זי וואלט געוויינט.

אה, דאס זייט איהר מאדאם בר... האט דער אינספעקטאר געזאגט ניט ארויסרעדענדיג איהר פולען נאמען.

יא דאס בין איך! האט די פרוי מיט כעס א זאג געטהאן. איך בין געקומען צו אייך ווייל איך וויל ווייסען ווער עס האט מיין דייווין ערמארדעט. ער איז דאך געווען א גוד באי. אזא טהייערער באי. איך וועל נאך פאר איהם נקמה נעהמען. די פרוי האט זיך דערביי זעהר שטארק צווויינט. אלענפאלס האט מען געקאנט אזוי דענקען. צו עס געהן טרעהרען פון די אויגען האט מען ניט געוואוסט ווייל איהר געזיכט איז געווען פערדעקט.

דער אינספעקטאר איז געזעסען און האט זיך געביסען די ליפען פאר כעס. מען האט דאס דייטליך געקענט זעהען אז ער האלט זיך איין מיט אלע קרעפטען, ניט אויסצוברעכען אין קיין שטורעם לויט נאכדעם ווי זיינע פינגער האבען נערוועז געארבייט און האבען ווי געטאנצט אויף זיין דעסק האט מען געקענט בעמערקען. אז איהם ווילט זיך זעהר שטארק זי אנצוכאפען פאר'ן קאלנער און ארויסווארפען זי. ער האט עס אבער ניט געטהאן, נור פערקעהרט, ער האט זיך אנגעשטרענגט צו שמייכלען און האט בעמערקט.

— איהר פרעגט מיך! פון וואנען זאל איך ווייסען? מיר אליין זוכען דיא מערדער און וואלטען געגעבען דעם גרעסטען פרייז צו די וועלכע וואלטען אונז געהאלפען די מערדער צו געפינען.

אויב איהר ווייסט ניט היינט ווער זשע זאל ווייסען? האט זיך די פרוי צוזאמערט. מיין דייווי, טהייערער דייווי! "ריי קיל יו" אה דייווי.

דער אינספעקטאר האט דערזעהען אז ער וועט פון איהר אזוי לייכט ניט פטור ווערען. זי וועט איהם די קאפ פערקלאגען ער האט זיך אויפגעהויבען פון זיין פלאץ און איז צוגעגאנגען גאנץ נאהענט צו דער פרוי און האט איהר עטוואס א שעפטשע געטהאן אויפ'ן אויער.

די פרוי איז גלייך גאר אן אנדערע געווארען. זי האט אויפגעהויבען דעם שלייער פון איהר געזיכט, און שמייכלענדיג האט זי גענומען ריידען צוקער זיס צום אינספעקטאר.

איך האב געמיינט אז איהר ווייסט שוין עטוואס וועגען די טעריבל מערדערס.

דער אינספעקטאר איז געווארען שטרענגער און האט כמעט ווי געשריען, בארדערט מיך ניט! איך ווייס ניט פון קיינעם.

די פרוי ווי עס ווייזט אויס האט געוואלט איינשטילען דעם אינספעקטאר און האט זיך צו איהם יעדער ווײלע צוגערוקט נעהענטער, און מיט א צוקער זיס שטימעלע איהם געזאגט.

איהר דארפט אויף מיר קיין פעראיבעל ניט האבען אינספעקטאר. איך האב דאך איהם אזוי ליעב געהאט.

אויף דער פרוים פנים איז ניט געווען צו בעמערקען קיין טרעהר. דאס וואס זי האט פריהער מיט א סעקונדע אזוי שטארק געכליפעט איז ניט געווען מעהר ווי אן אנשטעל.

אויף דער פרוים געזיכט האט מען לייכט געקענט בעמערקען אז דאס איז א פרוי וועלכע בעלאנגט צו דער אונטערוועלט. איהר ארט קליידונג איז געווען א געפעהרליך שרייענדער. איהר הויכער האר קיזור און שטארק אנגעפארבטער פנים האבען שווער געמאכט אבצושעצען וויפיעל די פרוי איז אלט. אבער צוקוקענדיג זיך נעהענטער צו איהר האט מען געקענט זעהען אז דאס איז א פרוי וועלכע האט צו ראשיג אבגעלעבט איהרע יונגע יאהרען, און אויף דער עלטער איז זי געווארען א מאדאם פון א הייזעל.

א ווײלע האבען זיי גערעדט גאנץ שטיל און שעפטשעט, און דאן האט די מאדאם א זאג געטהאן גאנץ הויך מיט א פרעהליכען קול:

נאך וואס זאלען מיר זיך קריגען אינספעקטאר! מיר לעבען דאך אימער אין פריעדען. איהר בעסער קומט יעצט צו מיר. עס איז דא ביי מיר עטוואס נייעס וועלכעס איהר האט נאך ניט געזעהען. דערביי האט זי איהם גנבה'יש א וואונק געטהאן מיט אן אויג און האט איהם א שטורכע געטהאן מיט איילענבויגען פון אנד אין זייט.

דער אינספעקטאר איז בעסער געווארען. ער האט גענומען ריידען ליעבליכער און האט געזאגט.

אויב איהר ווילט זיך מיט מיר ניט קריגען דאן זאלט איהר מעהר וועגען דייווין ניט דערמאהנען ער איז טויט, און ער דארף פערבלייבען טויט פאר אלעמען. ווער עס וויל זיין מיינער א פריינד דארף וועגען דייווין ניט ריידען.

די מאדאם האט מעהר דייווין ניט דערמאהנט. זי האט נאך אביסעל גערעדט מיט דעם אינספעקטאר און דאן האט זי פון איהם אבשיער גענומען און האט פון איהם גענומען א פערשפרעכען אז ער וועט זי בעזוכען קומענדע נאכט.

אבער ווען זי איז ארויס פון סטיישאן האט זי צו זיך אליין געמורמעלט, דער באנדיט ווייס ווער עס האט דייווין ערמארדעט. נור ער וויל ניט זאגען. עס האט זיך איהם ניט געלוינט אז דייווי זאל לעבען. דייווי האט צופיעל געוואוסט פון זיינע סודות. איך וועל זיך אבער מיט איהם אברעכענען פאר דייווין. ער וועט האבען דעם זעלבען סוף וואס דייווי. דערביי האט זיך איהר קליינע הענטעלע קראמפהאפט פערצויגען אין א קולאק און זי האט געדראהעט אין דער לופטען.

דער אינספעקטאר האט אויך באלד פערלאזען דעם סטיישאן, און אנגעקליידעט ציוויל איז ער פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט.

(פארזעצונג פאלגט)

ארבייטער פערלאנגט

פארס צו ביליגע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייזער. טעלעפאן מיין 6092

פערלאנגט א פלאמבער פרעגען לאעווסקי 10 ד'ארסי סטריט פאן קאלעדזש 774
3900—17—16

פערלאנגט שניידערס אפערייטארס ביי מענער ארבייט נאכפרעגען „נאהרט אמעריקאן טיילארס" 67 אדלייד סטריט וועסט
3889—12—10

פערלאנגט א מיידעל אדער א פרוי פאר זיין ארבייט אין א קאונטרי.
נאכפרעגען מיסעס לעווין 79 וועגאי סטריט.
3903—11—1

פערלאנגט א וואטש פרוי צו מרס. זאלאמאן 5 טרעפען סט.
3876—10—15

פערלאנגט א פרוי אלס קאמפאניאן צו א קראנקער ליידי אויך אלס הויזקיפער אין 70 סיינט פעטריק סטריט.
3879—12—10

פערלאנגט א דיענסט אין 556 קווין סטריט וועסט
3884—12—10

פערלאנגט ביי אייער גראסערי און הארדוועער סטאר:

SHINO
No. 9
STOVE POLISH
EDWARD HAWES & COMPANY
TORONTO

שיינא סטאוו פאליש
— ווי אויך —
סימפלעקס שוה פאליש

צו די רענגס פעדלערס פון טאראנטא

זייט וויסען אז איך קויף ווייטער לאנדאנער דעקלאך און איך צאהל 4 סענט א פונט.

איך בעט אלע פעדלערס זיי זאלען מיר פאטראנייזען, ווייל איך בין דער אלטער קויפער.

מר. סיבעלמאן 88 עליזאבעט סט.
איך האב קיין פארטנערס נישט.
3905—18—10

פאר די מלחמה קרבנות

ערהאלטען פון מר. קאץ 59 סיסעל סט. $1,50 וועלכע ער האט געקליבען פון פאלגענדע מענשען:
אברהם לעווינטו 50 סענט
מרס. רובינאף 34 [illegible] ראלאר.

אלט נײַלאנד

ראמאן

פון טהעאדאר הערצל.

אויב איהר ווילט איז דאס ניט קיין בבא מעשה.

(24־טע פארטזעצונג.)

„פאר אונז, האט דוד ווייטער ער־קלעהרט — „איז פיעל לייכטער און א סך בילינער איינצופיהרען די נייעסטע מאשינען און נייעסטע טעכנישע מיטעל און וועגען, ווייל מיר האבען גאר ניט געהאט וואס מיר זאלען דארפען אמארטיזירען. שלעכטע מאטעריאל, ווי אלטע שינעס, אלטע וואגאנעס און דאס גלייכען האבען מיר ניט נעדארפט אזוי לאנג נוצען, ביז זיי וועלען אונז דעקען די הוצאות, ווייל מיר האבען זיי פשוט ניט געהאט. אונזערע וואגאנעס, האבען אלע בעקוועמליכקייטען: ווענטילאציע, א העלע בעלייכטונג ביי נאכט, ניטא דארטען קיין רויך, קיין שטויב, און כאטש מיר פאהרען א סך גיכער ווי פריהער ווערען מיר ניט אזוי אויסגעמאטערט. די פאסאזשירען אין די צוגען פאר ארבייטער זיצען ניט צוזאמענגעפרעסט ווי הערינג אין א פאס. מיר זארגען, פערשטעהט זיך, אז די פערבינדונגס מיטלען זאלען ניט שאדען דער געזונדהייט פון פאלק. עס וועט אייך אויך אינטערעסירען, ווי וואלוועל ביי אונז איז א נסיעה מיט דער באהן. מיר האבען פאר פאסאזשירען דעם אייגענעם טאריף, וואס איז איינגעפיהרט געווארען אין לאנד באדען, צו צייטען פון דעם גוטען און קלוגען גראס הערצאג פריעדריך. מיר זוכען מיט אלע מיטלען צו דערלייכטערען דעם ארבייטער דעם וועג ארבייט צו געפינען. איהר וועט ביי אונז ניט געפינען אזא ווילדען פאקט ווי, למשל, דאס אין דער צייט בשעת מען זוכט אין איין ארט ארבייטער ווי א דארשטיגער וואסער און אין אנדערען ארט שטרעקען אויס טויזענדער ארבייטער זייערע הענד און קיינער נעהמט זיי ניט — אז אין אזא צייט זאלען לויפען הין און צוריק ליידיגע וואגאנעס, ווייל די באהן איז צו טהייער פאר דעם ארבייטער. פון לבנון ביז צום ים המלח און פון די ברעגעס פון מיטעלמעער ביז צו דשאלען און האוראן ציהען זיך די ליניעס, צו בעפרוכטען דאס לאנד מיט מענשען־קראפט. אקוראט ווי די קאנאליזאציאן מיט וואסער. עס פערשטעהט זיך אז די פראכטען די איינענע ווי די וואס ציהען דורך אונזער לאנד, זיינען זעהר גרויס, ווייל מיר האבען דאך קארנקאמערען, האפענס און מיר שטעהען אין פערבינדונג מיט די קליין־אזיאטישען און נארד־אפריקאנישען באהנליניעס. . . . אבער איך וויל איצט ניט רעדען פון די מעלות פון אונזערע באהנען און באהן־טאריפען, וועלכע נוצען זיי ברייגגען דעם סוחרישען לעבען און דעם לעבען פון איטליכען יחיד ביי אונז. דאס קענט איהר שוין אליין בעמערקען, האטש איהר זייט שוין צייט 20 יאהרען געוועזען ווייט פון דער וועלט. דאס האבען דאמאלסט פאר 20 יאהרען געוואוסט פון דער טעגליכער ערפאהרונג".

„כאטש די ערפאהרונג איז ניט געווען אזוי גוואלטיג גרויס" האט שטיינעק זעהר פאסינג בעמערקט.

דוד האט ווייטער גערעדט: „איין זאך אבער האט מען נאך דאמאלס ניט געוואוסט. קיינער האט ניט געוואוסט ווי שעהן איז אונזער טהייער לאנד. א סך זאכען זיינען נאר צוליעב אונזערע קולטור־ארבייט בעשאפען געווארען, אבער שטענדיג איז געלעגען גאטס ברכה אויף דאס לאנד, נאך הונדערטער יאהרען זיינען וואוסט און קיינער האט ניט געוואוסט וואס פאר אוצרות פון רייכקייט און שיינקייט ליעגען דא בעגראבען, וואו געפינט איהר אין דער וועלט נאך אזא לאנד ווי אונזער, וואו דער פריהלינג איז אזוי נאהענט א גאנצען רונדען יאהר? מיר האבען א ווארעמען, א מיטלען און א קאלטען קלימאט, אין פערשיעדענע ערטער, און די ערטער ליעגען ניט ווייט פון איינאנדער.

אין מערב זייט פון ירדן־טהאל איז כמעט היים ווי אין טיעף אפריקא, א טראפיש קלימאט; ניט ווייט ביי די ברעגעס פון ים איז די לופט אזוי מילד און ווייך ווי די איטאליענישע און פראנצויזישע ריוויערא, און א ביסעל ווייטער זעהן מיר די מורא'דיגע בערג פון לבנון, אנטי־לבנון און דעם חרמון, בעדעקט מיט אייביגען שנעע. און דאס אלצדינג קען מען זעהן אין איין שעה, פאהרענדיג מיט דער איזענבאהן. גאט האט אונזער לאנד געבענשט מיט אלע גוטסקייטען".

„א", האט רעשיד געזאגט, — „עס איז איינע פון די גרעסטע פערגעניגען ביי אונז אביסעל זיך דורכפאהרען. איך זעץ מיך אפט אריין אין א צוג און פאהר זיך דורך, בכדי צו שטעהן און קוקען דורך דעם פענסטער אויף די פאנאראמעס פון פאלעסטינא."

„מיין הויכגעשעצטער מכנים־אורח" האט קינגסקאורט בעמערקט — „צווישען אונז גערעדט, האט איהר אונז דאס געדארפט ווייזען פריהער פאר אלץ. איך זאג ניט חלילה אז אייער תבה איז ניט גוט. עס פאהרט זיך גאנץ פיין און שעהן, אבער די פאנאראמעס . . ."

דוד האט זיך ענטשולדיגט: צוליעב צוויי טעמים האב איך אייך ניט געפיהרט קיין טבריה מיט דער באהן. ערשטענס קען מען זיצענדיג אין מאטאר־וואגען זעהן מעהר לאנד און מעהר מענשען. צווייטענס, פאר פסח זיינען די באהנען וואס געהן פון חיפה איבער נאצארעט קיין טבריה פאק און פול. אמת, ס'איז א גרויסע הנאה זיך צוצוקוקען צו די פאסאזשירען, וואס שטאמען אב פון אלע פעלקער, צו זעהען די טויזענדער פעלקער, עולי רגלים, וועלכע פאהרען צו דיא היילינע ערטער. איך האב אייך אבער פריהער געוואלט ווייזען דאס לעבען פון אונזער געזעלשאפט איז איהר געוועהנליכען וואכענדיגען אויסזעהען".

„יא, זאגט נאר אקארסט, ווי האט איהר פותר געווען די פראגע מכח דיא היילינע ערטער?" האט פריעדריך געפרעגט.

„עס איז גאר ניט געווען אזא קונסטשטיק", האט דוד געענטפערט. „בשעת אין פאהריגען יאהרהונדערט האט מען זיך אנגעהויבען צוליעב דעם ציוניזמוס דערמיט צו בעשעפטיגען, האבען א סך יודען, פונקט ווי איהר, געמיינט, אז אויף דער פראגע איז גאר ניט מעגליך צו געפינען א ענטפער. ווי איך זעה קוקט איהר נאך אויף דעם ווי פאר 20 יאהרען צוריק. ערשטענס האט פאר 20 יאהרען זיך שוין ארויסגעוויזען, אז דער אבהאלט וועגען די היילינע ערטער איז גאר ניט אזוי מורא'דיג. גרויסע פאליטיקער און שרייבערס האבען דאס שוין דאמאלסט גוט פערשטאנען. די קריסטליכע היילינע ערטער זיינען דאך אלע מאל געלעגען אונטער מאכט פון ניט־קריסטען. אזוי ווי מען האט שוין צייט יאהרהונדערטען ניט געזוכט זיי צו בעפרייען פון די ניט־קריסטליכע הענד, האבען זיך מיט דער צייט געענדערט בכלל די אנזיכטען וועגען די פראוועס (רעכטען) אויף די היילינקייטען. גאטספריעדען פון בויאן און אנדערע פערצייטיגע ריטער האט עס גערעגט, וואס פאלעסטינא ליעגט אונטער דער מלוכה פון מוזעלמאנער. צו האט מען אזא מין געפיהל געקענט געפינען ביי די ריטערס און גראפען פון 19־טען יאהרהונדערט אין די קריסטליכע מלוכות? צו וואלטען זיי זיך גאר דערוועגט ביי די פארלאמענטען צו בעטען א קרעדיט, בכדי צו פיהרען מלחמה מיט דער טערקיי פאר די קריסטליכע היילינקייטען? צו וואלט דען אזא קריעג געווען נאר א קריעג געגען די טערקיי און ניט געגען אנדערע אייראפעאישע נאציאנען, וואס וואלטען ניט צוגעלאזען, אז די היילינקייט זאלען געהערען צו איין נאציאן? דעריבער איז מען שוין לאנג געקומען צו דער דעה, דאס פאר אלעמען איז גלייכער אז עס זאל בלייבען ווי עס איז געווען, אין די טערקישע הענד. אבער דאס איז נאר געווען א ענטפער פאר'ן שכל, פאר'ן פראקטישען פערשטאנד, וואס זוכט נאך נוצען אין דער פאליטיק. עס איז אבער געווען נאך אן אנדערער געדאנקען, פאר וואס מען האט אויפגעהערט צו שטרייטען וועגען די פראוועס אויף היילינקייטען. היילינקייטען זיינען ניט קיין קלייד, קיין זיין, וואס מען קען דאס צונעהמען ווי א שטיק פערמעגען צו איינגעם געברויך. דער אמת פרומער איז מעהר צופריעדען ווען זיינע היילינקייטען געהערען קיינעם ניט, איידער זיי זאלען אריין אין די הענד פון א מענשליכער מאכט. דאס וואס איז היילינ זאל ניט ווערען בעשמוצט פון מענשליכע פראסטע אינטערעסען, זאל קיינעם ניט געהערען. דאס אליין האט געפיהרט דערצו, אז די היילינע ערטער און קברים זיינען געווארען דאס גייסטיגע אייגענטהום פון אלע פרומע קריסטען, אהן א אונטערשיעד פון נאציאן, און קיינער האט ניט געזוכט זיי ארויסצוקריגען פון די טערקישע הענד. און אויב איהר וועט זיין אין נאצארעט (נצרת) און ירושלים אדער אין בית־לחם, וועט איהר זעהן די פילגער (עולי לרגל), וועלכע קומען פון אלע עקען פון דער וועלט, און אויף זייער פרומען פנים לויכטען דיא געפיהלען פון א אמת'ער אחדות. אפילו איך, וואס איך בין א יוד מיט לייב און זעעלע, ווער טיעף געריהרט, ווען איך זעה די פערפרומטע פילגער ביי די היילינע קברים".

„מען דערמאהנט זיך אין לורד אין די פירענעען, אז מען געהט קיין נאצארעט אדער קיין בית־לחם" — האט שטיינעק געזאגט, — „קופקעס, קופקעס טוריסטען, פילגער, אלערליי דורכפאהרער, נייע האטעלען, גרויסע אכסניות פאר אונבעמיטטעלטע מענשען און קלויסטערס אהן א שיעור".

אט אזוי שמועסענדיג זיינען זיי אריינגעפאהרען אין דאס פלאכע לאנד, לאנג האט עס זיך געצויגען פון ביידע זיידטען וועג פערפלאנצט מיט וויין, גערשטען, מאאיס, האפען, מאהן און טאבאק. ווייסע ריינליכע דערפער מיט איינפאהר הייזער און וויינשענקען זיינען געלעגען צושפרייט אין טהאל און האבען זיך ווי אנגעלעהנט אן די ווענד פון די בערג. גרויסע זאפטיגע לאנקעס, אויף וועלכע עס האבען זיך איצט געפאסעט רינדער און שאף, זיינען פערביי פאר זייערע בליקען, און מאנכעסמאהל פלעגט פערבלישצען די אויגען די גלאנציגע מעסערים און אייזענס פון די פעלד־מאשינען. די גאנצע פאנאראמע איז געווען בעלויכטען פון דער פריהלינגס זונן און עס איז געלעגען אויף איהר א אבשיין פון פריעדען און גליק.

זיי זיינען דורכגעפאהרען קליינע דערפלעך, זיי האבען ארייגעקוקט אין די ריינע פויערשע הויפען, זיי האבען געזעהן ווייבער און מענער ביי דער פעלד־ארבייט, קינדער בייט שפיעלען זיך און אלטע לייט, וועלכע האבען זיך געווארעמט אויף דער זון. די אורחים האבען זיך געוואונדערט, דאס מיט יעדער שעה פערגרעסערט זיך די צאהל פון די פוס־געהער. אלע, בעשיינפערליך, האבען געהאט אין אויג איין ציעל, און עס האט אויסגעוויעזען, אז עס ציהט זיי צו דרום צו אין דער הויך, וואו עס האט זיך געזעהען א גרעסערעס דארף. דער וואגען פלעגט אלעמען אריבעריאגען, מאנכע צופוס־געהער פלעגען זיך גריסען. אנדערע פלעגען בעגעגנען דעם וואגען מיט א קלינגענדירגען „הידד". עטליכע אבער האבען ווי פערביטערט, קוים געצויגען מיט'ן הוט און אנדערע פלעגען זיך אפילו אבקעהרען אן א זייט. ווי נאר דער מאטאר־וואגען פלעגט פארבייפאהרען, פלעגט הינטער איהם נאך לעבעדיגער ווערען. פון איטליכען פויערשען הויף פלעגען ארויסגעהן מענשען, איילענדיג זיך, מאנכע נאכלויפענדיג, און נאך אנדערע פלעגען גיך ארויף אויף א פערד און זיך לאזען אין גאלאפ. וועלאסיפעדיסטען זיינען נאכגעפאהרען דעם מאטאר־וואגען, זיך בעמיהענדיג איהם אריבער צו יאגען. דוד'ס געסט האבען אנגעהויבען פיהלען אז מען ערווארטעט זיי ערגעץ וואו.

און דאס איז טאקי אזוי געווען. דאס דארף, וואס האט זיך געווארפען אין די אויגען דורך זיין רייכקייט, צוליעב דיא פראכטיגע איינפאהרס־הייזער, די פעטע בהמות און די הויכע קולטור פון די פעלדער, האט געהייסען ג י י ד א ר ה. די קהל'שע שטוב, א קליין פאלאצעל, איז געווען פול, א גאנצע מחנה מענשען האבען שוין ערווארטעט און ווי באלד עס האט זיך בעוויזען דער וואגען, האבען הונדערטער שטימען אנגעהויבען שרייען „הידד!"

זיי האבען ניט באלד געקענט אריין אין שטוב, ווייל א כאר פון היינליך געקליידעט שול־קינדער, אונטער דער השגחת פון לעהרער, האבען זיי בעגריסט מיט א העברעאישען ליעד. זיי האבען זיך אבגעשטעלט צו צוהערען. פריצכען איז ווידער געווארען מונטער און אויפ'ן ארעם פון ניאניע האט ער געפרובט מיטצוזינגען, א שעהנעם טעם האט עס געהאט ..

דערנאך איז ארויסגעטראטען דער קהל'ס פיהרער פריעדמאן, א קרעפטיגער פויער פון א ערך 40 יאהר, און האט געהאלטען א קורצע רעדע. ער האט בעגריסט די געסט און נאך מעהר ליטוואקען און שטיינעקען, ווי די טרייע פיהרער פון זייער פארטיי. ער האט גערעדט פראסט אידיש.

„א דונער זאל מיך כאפען!" האט קינגסקאורט ארויסגעברומט דוד'ן אין אויער, „איך האב גאר ניט געוואוסט, איהר זייט א פיהרער פון א פארטיי".

„נאר אויף א קורצע צייט, אויף עטליכע וואכען. דאס איז ניט מיין פראפעסיאן".

א צווייטער פויער איז ארויסגעטרעטען, א שטארקער, מיט ברייטע פלייצעס און מיט א געזיכט פערברענט פון'ן זון. ער האט גערדעהט דעם הוט, אביסעל ניט פעסט ביי זיך, צווישען די ברוינע הענד און האט זיך פערהאקענדיג אלע ווייל געזאגט:

(פאָרזעצונג פאָלגט.)

):(

אידען פון דער גאנצער וועלט!

62



צו איהר ווילט בעקומען א פרייז אדער ניט, די בילדער דארפט איהר זאמלען.

מיט פיעל שוועריגקייטען איז אנגעקומען די בילדער צו בעקומען. א סעריע פון בילדער געזאמעלט אין פערשיעדענע לענדער איז פערבונדען מיט גרויסע אויסגאבען.

די בילדער זענען פאסיג פאר אן אלבום.

אז איהר וועט זיי אנקלייבען, וועט איהר האבען די שעהנסטע אידישע זאמלונג זאמעלט די בילדער, און ביי א קליינער אנשטרענגונג, וועט איהר נאך אויך בעקומען א פרייז.

זאמעלט די בילדער און בעקומט א פרייז

מיר וועלען דרוקען ארום 100 בילדער וועגען אידישע טיפען פון אלע וועלט טהיילען.

די בילדער וועלען ערשיינען יעדען טאג א בילד, זיי וועלען ניט האבען קיין אונטערשריפטען אונטער זיך און די לעזער וועלען דארפען טרעפען, וועלכען אידישען טיפ. דאס בילד שטעלט פאר.

ווען אלע בילדער וועלען אבגעדרוקט ווערען, וועלען די לעזער דארפען אריינשיקען זייערע בילדער, מיט די אונטערשריפטען, וועלכען אידישען טיפ, יעדעס בילד שטעלט פאר, פון די וואס וועלען אריינשיקען די ריכטיגע ענטפערס, וועלען 25 בעקומען פרייזען א פראכטפאל געבונדענעם און אינטערעסאנטען בוך.

צוברעכט זיך א פוס.

עליק וויסמאן, פון 185 פאלמערסטאן עוועניו, א מילך דרייווער, האט זיך נעכטען צוברעכען א פוס, אויף א אונגליקליכען אופן.

פאהרענדיג מיט זיין מילך וואגען ארום קלינטאן און קאלעדזש סטריטס, האט זיך דער וואגען איבערגעקעהרט, און ער איז ארונטערגעפאלען הינטערן וואגען, וועלכער איז צושמעטערט געווארען.

מען האט איהם געמוזט אבפיהרען אין וועסטערן האספיטאל.

אויטאמאבילס אויטאמאבילס

חתונות, פיקניקס און פיונעראלס.

פיירסט קלעסס טורינג קארס, פאר 7 פאסאזשירען צו פערדינגען. $1.50 א שטונדע אדער ביים דזשאב. צופריעדענהייט גאראנטירט. 69 סענט פעטריק סטריט. מר. בלום טעלעפאן קאלעדזש 6998.

ALEXANDRA אנפאנגענדיג מאנט. אקט. 11.

די ערשטע מוזיקאלישע פארשטעלונג אין דעם סיזאן

די אריגינעלע לאנדאן געיעטי פראדוקשאן

„היינט איז די נאכט"

'TO-NIGHT'S THE NIGHT'

אין ענגלישע סטאר קא.

אבענדס: 50ס. ביז $2.00 מאנטאג און שבת מאטינעע: 50ס. ביז $1.50

מיטוואך מאטינעע: 50ס. ביז $1.00

די וואך פון אקטאבער דעם 18־טען "פעג א'מיי הארט"

MEET ME AT THE FIRESIDE Strand YONGE NEAR KING CONTINUOUS 10 AM TO 11 PM MATS 5¢-10¢ EVES 5¢ 10¢ 15¢

מאנטאג, דיענסטאג און מיטוואך

דזשארדזש קליין פרעזענטירט

(ווער איז וועהר אין סאסייעטי)

מיט דען מוילעך און דעללא קאנגארי

5טע נאכפאלג פון די

ג ע ט ה י ן

אין פאטהע וויקלי

מעזאניני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 3345

אברהם קאהען

באררימטער

נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס

Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET
Main 2684
Residence, 7 Salem Ave. Junction 1545

— נ א ט ס —

מיר ווינשען בעקאנט צו מאכען דעם אידישען פובליקום דאס מיר האבען געעפענט אונזער

בייליף אפפיס

אין

107 ארעלייד סטריט, וועסט.

אונטער די אויפזיכט פון בראונשטיין און וואלש די איינציגע אידישע בייליפס אין דער שטאדט.

מיר עקזעקוטירען ווארענטס און קאלעקטען רענטס. א. ז. וו. אונזערע טערמס זענען ריזאנאביל או ריטארנס ווערען פונקטליך געמאכט.

בראונשטיין און וואלש, פראפרייטארס. טעלעפאן ארעלייד 3607.

בעקאנטמאכונג

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע פריינדע און פאטראנייזער פון טאראנטא און אומגעגענד דאס איך אטענד צו ברית'ן און חתונות ניי אימער מיט די בעסטע צופריעדענהייט. איהר קענט מיר טעלעפאנירען אין דוויז ווי אויך אין מיין טיפס־קארטען זאגנטאר און איהר וועט זיכער צופריעדען געשטעלט ווערען ווייל מיין נאטור קענט איהר אלע איז צופריעדען צו שטעלען יעדען איינעם אויף'ן בעסטען ארט.

מיין ארדרעסע איז 166 דזשאהן סט. טעלעפאן אין הויז ארעלייד 1545 און אין אפיס ארלייר 239.

רעוו. ס. קאפלאן

מוהל ומסדר קידושין

איך גיב מעררידזש לייסענס פריי.

CANADIAN GOVERNMENT RAILWAYS
INTERCOLONIAL
PRINCE EDWARD ISLAND RY

באנעווענטשור יוניאן דעפא. מאנטרעאל.

אושען לימיטעד | געהט אב 7.25 נאכמיטאג | טעגליך

מאריטים עקספרעס טעגליך, אויסער שבת. 8.15 פארמיטאג

סליפערס פאר דער גאנצער רייזע.

מאנקטאן, און האליפאקס

קאנעקשאן פאר סיינט דזשאהן, די סידניס פרינס עדווארד איילענד, ניופאונדלאנד.

ע. טיפפין דזשענעראל וועסטערן אידזשענט 51 קינג סטריט איסט, טאראנטא. מיין 554

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס רעסטארענטס און אייזקרים פארלארס און דעליקאטעסען סטארס, אז אלע מיינע ווארשט ווערען פערקויפט ביליגער 2 סענט אויף דעם פונט אין קעש. און איהר בעדארפט ניט צאהלען פאר אייער געלד קיין אינטערעסט. דאס זיינען די ווארשט: ווארשט, וויענערס, קארנדביעף, באלאגנע. ארדערס דעליווערט איבעראל מיט דער גרעסטער צופריעדענהייט

משה סאלקאוויטש, 694 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן ארעל. 1559

דר. מ. פיווניק

:. דענטיסט :.

קאר. קווין סט און ספאדיינא עוו.

טעלעפאן ארעלייד 4067

בנגע פון האמילטאן בילדינג

Dr. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2

מ. מ. דייווים

פאבליק אדיטאר

אדיטינג, סיסטעמאטייזינג אינוועסטיגיישאן.

350 קאלידז סט. טאראנטא

טעלעפאן קאלידז 7632

Toronto Wet Wash Laundry
Co. Limited

פערלירט ניט אייער געלד און געזונד. גיט אונז אייער לאנדרי, מיר וואשען פאמיליע וועש.

רעגט 30 פונט — 75 סענט. ראפ טרוקען, 30 פונט, 1 דאלאר. יעדער וואשינג ווערט געוואשען בעזונדער.

291 Arthur St.
Phone: Parkdale 5280 5281

קאנטאר וואלאדאווסקי האט געמופט אין 62 בראנזוויק עוועניו.

דער טעלעפאן נומער איז דער זעלבער, וואס עס איז געווען.

דער גרעסטער אנטיסעפטיק מוהל

און דער מאדערנסטער מסדר קידושין אין טאראנטא

איז

קאנטאר וואלאדאווסקי

רופט מיך און איבערצייגט אייך.

קאנטרי לייט קענען מיך אויך אנגאזשירען פאר שמחות. מיין וואהנונג איז 62 בראנזוויק עוועניו, און מיין פאן נומער איז 1076 קאלעדזש.

פיר ארימע אומזונסט.

טאראנטאר אידען

סייפט 75 סענטס און איין דאלאר יעדע וואך! ביי מאכענדיג אייער לאנדרי ראף דריי; אייערע העמדער און קאללארס לעבען לאנג און זעהען אוים קלאהר און שעהן ווען זיי ווערען אויסגעארבייט ביי עקספערטען אין ד

TABER LAUNDRY WORKS
444-46 Bathurst St.
Phone Col. 5143 8333

פאטראנייזט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאני

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. טעלעפאנירט 1 ארעלייד סט. איסט, פאן מיין 7391. ביי נאכט און זונטאג טעלעפאנירט קאלעדזש 4319.

New York Window Cleaning Co
1 Adelaide E

סטאוום, ריפערינג, און פורניטשער צו ביליגע פרייזען

מאכט נייע און קויפט אלטע

WESTWOOD BROTHERS
635 St. Queen W. Phone Adel. 1518

ספעציעל רום סיסטעם.

די וויליאמס

קארטיידזש און סטארידזש קא. טעלעפאן קאלעדזש 252

דזשענעראל קארטיידזש איידזשענטס 368 ספע. יינג עוו. טאראנט אנט.

באגאזש, פיאנאס און אלע סארטען פארניטשור געמופט און געסטארד צו די ביליגסטע פרייזען. שטוב זאכען געפאקט און געשיפט פון עקספערטס לויט.

ווערהייזער: 551 קווין סטריט וועסט. צוגערעקטע וועגען. פלעזשור פליעם.

ל. י. רעדפערן.

דר. מ. קייטס

בענטיסט

218½ קווין סטריט וועסט

קארנער קווין און טעקומסעט סטריט.

DR. M. KATES, Dentist
218½ QUEEN ST. WEST
PHONE MAIN 979

ריגען און לע ווערנוא

באררימטערס א. א. וו.

מענינג טשעמבערס רום 112 ערשטער פלאר, טעלעפאן ארעלייד 2436

REGAN& LE VERNOIS
BARRISTERS &C.
Manning Chambers,
Room 112, First Floor
Telephone Adelaide 2436

ווארשעווער אקושארקע

ענע ראמאנאווסקי

233 סימקא סטריט

טעלעפאן ארעלייד 1543.

פיר שמחות

ווען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמע

דזש. וו. רייען

188 קווין סט. וועסט. פאן מיין 106

א פולער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק.

אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

הארדוועיר און סאטלערי

דאס בעסטע פלאץ פאר אלע סארטען הארדוועיר, נייע פיקטשורס, נייע מעטאל און גלאזוואר, עלעקטריק פיקטשורס, הייץ מאשינען, קאלאוויל היטערס, גלאז און קיט (פוטי) פיינטס און ווייל א. ז. וו. ביי

G. H. IBBOTSON

343 באטהורסט סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 6342

ONTARIO LAUNDRY CO. Ltd

COPYRIGHT

זי — מיין לינדזשערי־וועש בעקומט ביי די בעסטע אויפמערזאמקייט.

ער: — יעס און מיינע העמדער און קאלנער בעקומען די שעהנסטע אבארבייטונג און אויסקוק וועלכע געפעלט מיר זעהר שטארק.

אנטעריא לאנדרי קא. לימיטעד

97 עדווארד סט. טעל. מיין 4821

די געלעגענהייט פון ניו אנטעריא

די געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא

ווייסט איהר די פיעלע געלעגענהייטען פון נארט אנטעריא מיט איהרע מיליאנען פרוכטבארע אקער לאנד אפפערט צו די יעניגע וועלכע ווילען זיך בעזעצען אויף'ן לאנד.

ווייסט איהר דאס די זעלבע רייכע אגרי־קולטור לאנד וועלכעס מען קען דערהאלטען כמעט אין גאנצען פריי אדער פיר א קליינע סומע געלד, פראדוצירען שוין די בעסטע תבואה אין דער וועלט.

פיר ווייטערע אויסקינפטע, פיר ליטערא־טור וועלכע בעשרייבט דאס אויבענדערמאהנטע געגענד שרייבט צו:

ה. א. מעקדאנעלד

דירעקטאר פון קאלאניזאציאן

פארלאמענט בילדינג

טאראנטא אנטעריא

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס פאדערט זיך איינינע וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט פאר א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט, טאראנטא.

The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
67 Elizabeth Street
Telephone Main 4582
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

דאס פאלק האט גערעדט

ווען דיעזע שורות וועלען ערשיינען, וועט נאך דער איינדרוק פון דער גרויסער פאלקס־דעמאנסטראציע פון זונטאג אווענד זיין פריש ביי יעדען איינעם, וועלכער האט צוגעזעהען דיעזע הערליכע דעמאנסטראציע, דעם אויסדרוק פונ'ם פאלקס־ווילען.

פיער טויזענד מענשען האבען געהערט די רעדנער, מעהר ווי צוויי טויזענד מענשען האבען געמוזט צוריקגעהן, ווייל אין דער גרויסער היפאדראם איז שוין מעהר קיין פלאץ ניט געוועזען אריינצונעהמען דעם מענשען־שטראם. עטוואס ליעגט פערבארגען אין דעם, וואס עס האט פאסירט דאס, וואס עס האט נאך קיינמאהל ניט פאסירט אין דער אידישער טאראנטא. עטוואס הייליגעס, ערהאבענעס איז פארהאן אין דעם, וואס אזא מענשען־מענגע זאל זיך אבריפען אויף'ן רוף.

ניט די רעדנער פון דער פלאטפארמע האבען זונטאג אווענד גערעדט. עס האט גערעדט זיין מאיעסטעט דאס פאלק. עס האט אויסגעדריקט מיט זיין גרויסען בעזוך זיין ווילען און זיין קראפט, זיין ווילען צו נעהמען זיינע אינטערעסען אין די אייגענע הענד, און זיין קראפט, פון ווערטער טהאטען צו שמידען.

און טאמער האבען זיך צווישען די פערבאנד־טהוער געפונען צווייפלער, וועלכע האבען זיך אויף האלבען וועג אבגעשטעלט און פון זייערע אויגען האט דער „אולי" ארויסגעקוקט, איז זונטאג אווענד דער ענטפער צו זיי געקומען, געקומען פונ'ם פאלק זעלבסט. ער איז געקומען פון די אידישע מענער און פרויען, וועלכע האבען זיך בעטהייליגט אין דער גרויסער, גראנדיעזער און עהרליכער פאלקס־דעמאנסטראציע.

ניט נור איז זי אין צאהל געוועזען קאלאסאל, ריעזיג־גרויס און פעלזען־שטארק, נאר זי האט זיך אויך אויפגעהויבען צו יענער הויכקייט, צו וועלכער אזא גרויסע פאלקס־דעמאנסטראציע האט זיך געדארפט אויפהויבען.

מיט פעראכטונג, און מיט ענטציקונג האט די פיער טויזענד קעפיגע מאסע צוריקגעשליידערט די שמוציגע ביילים־בילבולים, וועלכע ווערען פון פערקויפטע שרייב־קנעכט און מאשין־מענשען געמאכט אויף די בעסטע זיהן פון אונזער פאלק, און געצייגט, אז זי אנערקענט די יעניגע, וועלכע זענען פערדיענט אנערקענט צו ווערען, אז זי אכטעט די, וועלכע קעמפען פאר איהרע אינטערעסען.

דער גרעסטער עקסטאז, די העכסטע בעגייסטערונג האט דערגרייכט ווען די ריכטיגסטע שטעלונג צו דער וויכטיגסטער און ברענענדסטער פראגע פון דער „אידישער קענעדע" איז גענומען געווארען, ווען פון דער טריבונע איז ערקלעהרט געווארען, אז אבוואהל דער קענעדער אידישער פערבאנד האט הינטער זיך די שטיצע פון די מאסען, ווילען מיר אבער ניט דאס קינד צושניידען, ווילען מיר אבער ניט דאס קינד טויטען, און מאכען א שפאלטונג צווישען די קאנאדער אידען.

אין די אינטערעסען פון די אומגליקליכע מלחמה קרבנות, אין די אינטערעסען פון זייער געגענווארט און צוקונפט, אין די אינטערעסען פון די קאנאדער אידען זעלבסט, ווילען מיר פעראייניגונג, מעגען מיר זיין אין רוב און זיי אין מיעט.

אן אמת'ע מוטער, קען קיינמאהל אפילו אויף א מינוט ניט צוגעבען, אז מען זאל איהר קינד פערקריפלען, א געטרייע מוטער וועט די גרעסטע קאמפראמיסען מאכען, אבי איהר קינד זאל בלייבען גאנץ, און דארום איז געקומען די פעראייניגונגס־רעזאלוציע, וועלכע איז פארגעלעגט געווארען פאר דער פערזאמלונג.

איין זייט די שטארקסטע, האט דארום ארויסגעצייגט, אז זיי האבען דעם שטארקסטען און פיהלענדסטען חוש פאר פאלקס־ארבייט, און אז זיי זענען גרייט אויף קאמפראמיסען צו מאכען, אבי צו ראטעווען די גאנצקייט פון דער קאנווענשאן.

דער פערבאנד האט אפיציעל זונטאג אווענד, ערקלעהרט א וואפען־שטילשטאנד צוליעב די אינטערעסען פונ'ם אידישען פאלק.

איין העלפט פון דער זאך איז שוין דארום דערגרייכט געווארען. דער בריק פאר פעראייניגונג איז געשאפען געווארען

וועט דער צווייטער צד, די ציוניסטישע פעדעראציע אננעהמען די פריעדענס־האנד, וועלכע איז צו זיי אויסגעשטרעקט געווארען וועלען זיך אויך די קאנאדער ציוניסטען ענטזאגען פון די קאמפס־מיטלען, און וועלען שלום מאכען מיט'ן פאלק, דאן איז פעראייניגונג מעגליך, דאן איז דאס קינד געראטעוועט, דאן וועלען מיר האבען צו פערצייכנען דעם ערשטען זיעג, וואס מיר האבען זיך פעראייניגט.

פיער טויזענד מענשען האבען זונטאג בעשלאסען אז זיי ווילען פעראייניגונג, פיער טויזענד מענשען האבען זיך פערפליכטעט צו בעטהייליגען אין א קאנווענשאן געריפען פון דעם פאלקס פערבאנד און די ציוניסטישע פעדעראציע. דיעזע פיער טויזענד מענשען ווארטען יעצט אויף אן ענטפער. דיעזע פיער טויזענד אידען ווילען יעצט הערען וואס די ציוניסטען האבען צו זאגען צום פעראייניגונגס־פערשלאג.

דער ענטפער פון די ציוניסטען וועט ענטשיידען דאס צוקונפטס־קאפיטעל פון דער קאנאדער אידישער געשיכטע.

און וועט עס צו א פעראייניגונג קומען, איז דער „אידישער זשורנאל" שטאלץ אויף זיין ארבייט.

דער „אידישער זשורנאל" האט פאר'ן פאלק קלאהר געמאכט די אישו. דער „אידישער זשורנאל" האט דעם מענשען־שטראם צוזאמענגעבראכט, און וועט דער זונטאגדיגער מיטינג פערצייכנען דעם אנפאנג פון איין פעראייניגטער קאנווענשאן, זענען מיר שטאלץ אויף אונזער רוף, אויף יענעם רוף, צו וועלכען דאס פאלק האט זיך צוגעהערט.

עס האט זונטאג גערעדט דאס פאלק, מיר גלויבען אין זיינע כחות

צו אונזער גרויסען פערדרוס איז אין דעם נעכטיגען עדיטאריעל דער לעצטער פאראגראף אזוי צודרעהט געוועזען, אז דער גאנצער שלום איז פערלוירען געגאנגען.

עס האט זיך געדארפט לעזען:

> אמעריקא איז ניט קיין שמעלץ־טאפ, און מיר אידען זענען די קלענסטע בעלנים צו דיענען אלס מאטעריאל, פאר איהם, ווען אזעלכער וואלט אפילו עקזיסטירט, אדרן וועט נאר דער נאציאנאלער בעוואוסטזיין דערגרייכען אלע אונזערע שיכטען, וועט דאס אידישע פאלק קענען אויפנעהמען א קאמף פאר פרייע נאציאנאלע ענטוויקלונג, פאר אייגענע אידישע שולען און אלע אנדערע קולטורעלע אינסטיטוציעס, אפילו אויף'ן אמעריקאנישען קאנטינענט, ווייל אין דיעזען פונקט, וועלען מיר האבען די שטיצע און מיטהילף, פון די יעניגע אלע פעלקער, וועמען מען האט ביז יעצט איינגעוויגט מיט'ן זיסען שלאף־ליעד פונ'ם „שמעלץ־טאפ".

די נאטור מאכט דעם פלייווער פון
"SALADA"
די קיהלע, זאנפטע ווינטען פון די שפיץ בערגיגע גערטנער אין ציילאן, פראדוצירען א טהעע פון דעליקאטער, דאך רייכער און פלייוואדיגער קוואליטעט.
א פארזיכטיגער אויסוואהל פון די פיינסטע געוויקסע ווערט געמישט צו מאכען "ס א ל א".

פ. ראבינאוויטש

ערנסטע ווערטער וועגען דער „הסתדרות העברית" אין אמעריקא

די אורזאכע ווארום די בליהענדע פיעלצווייגיגע בעוועגונג פאר דער בערייכערונג און פערשפרייטונג פון דער העברעאישער ליטעראטור און שפראך איז אין אייראפא פלוצלונג גענצליך פאראליזירט געווארען, איז דאך א זעלבסט פערשטענדיגע.

ווי געקוואלען האט דאס הארץ פון דעם יונגען העברעאישען לעזער ערהאלטענדיג וואס אפטער פראספעקטען וועגען נייע און נייע אויסגאבען.

מיט וואס א פאר א הארציגע פרייד איז עס די גרינדונג פון אזעלכע אנשטאלטען ווי די "העברעאישע אקאדעמיע אין ירושלים" און די "הסתדרות העברית" אלס רעזולטאט פון דעם ערשטען העברעאישען קאנגרעס מצד דער העברעאישער יוגענד בעגעגענט געווארען.

מיט וואס פאר א יום טוב'דיגע שטי־
נו, עס איז דאך דארטען אונזער גאנ־
"השלח", המולדת", ,החנוך" "יפת"
ערהאלטען ווערען.

ושירתנו באמצע נפסקה.

נו, עס איז דאך דארטען אונזער גאנצער פאלקס לעבען אין א יאמער טהאל פערוואנדעלט געווארען.

אין אמעריקא אבער, דאס איינציגע לאנד וואו אונזערע ערווארבענע פאזיציעס האטשע, קענען און זאלען אנגעהאלטען ווערען — הערשט אזא מוראדיגע שטילקייט.

פאקטיש פערמאגען דאך מיר ניט יעצט קיין העברעאישע פעריאדישע אויסגאבע אלא "המולדת", "השלח", פון א טעגליכע צייטונג אדער ביכער, איז דאך שוין אבגערעדט.

מוזען דאך פאר אונז קאנסעקווענטע העברעאיסטען איבעראל אין לאנד, וועלכע גלויבען און פיהלען מיט אלע פיבערן פון זייער נשמה אז דער העברעאיזם איז דורכאויס פראגרעסיוו ניט נור אין זיין ענד־ציעל, ווי דר. זשיטלאווסקי וויל עס בעהויפטען, נאר אויך אין דער טהאט.

ביי וועלכע אויך עס איז אזוי נאטירליך ווען זייער אידעאל פון דעם עקלעהאפטיגען גלות זיך בעפרייען — געהט האנד אין האנד מיט זייער שטרעבונג פון זיין כלי זיין פטור ווערען.

מוזען דאך פאר די יעניגע וועלכע לעכצען נאך אזא העברעאיש ווארט, די סבות פון דיעזער ערשיינונג פעסט געשטעלט ווערען.

דאן, לאמיר האפען וועלען פיליכט אויף די וועגען געפונען ווערען, ווי ענדליך עפעס פאזיטיוועס שאפען.

און זאל דיעזע פראגע ביי אלע ערנסטע העברעאישע פעראיינען איבערן לאנד ווי אויך ביי די טאראנטאר "אחי־עבר'ניקעס" אויף דעם טאגעס ארדנונג געשטעלט ווערען.

עס איז דאך פאקט, אז אין די לעצטע צוויי יאהר האט זיך אין אמעריקא א בעדייטענדע העברעאישע יוגענד קאנצעטירט. עס האט זיך זאגאר עפעס בעוועגען אנגעפאנגען, נור ווייטער פון די האמקעס פון אספות לשם גלאט אין דער וועלט אריין אויף א ווייל זיך צונויפקומען און זיך בטל'ענען אין גודנע שמועסען אבי אין העברעאיש, איז עס ניט געגאנגען.

עפעס ווי די בטלנות פון דער גאנצער וועלט האט זיך אין דיעזע פערזאנען אנגעהאנגען.

און איך ערינער זיך ווי ערשט ניט לאנג, האט א פריינד מיינער. וועלכער האט אין זיין שטאדט א העברעאישען פעראיין ארגאניזירט גאנץ ערנסט געבעטען מיך איהם אינפארמירען וואס פאר א מאטריאל זאל ער פאר זיין פעראיין צוגרייטען.

און דא נאך מיין מיינונג ליגט דער הונד בעגראבען.

דאס זאל אויך די אורזאכע זיין וואס יעדער נייער געגרינדעטער פעראיין אין פערלויף פון איינעם מאנאט שטארבט זיך אזוי בנשיקה.

און עס זיינען פאראן שטעדט וואו פער איינען ווערען געגרינדעט און פערמאכט, פערמאכט און אויף דאס ניי רעארגאניזירט.

עס פעהלט א "צענטראל", וועלכע זאל פון דיעזען חומר א "יש" שאפען, וועלכע זאל די אלע שוין עקזיסטירענדע פעראיינען אין א "הסתדרות" פעראייניגען.

די טאן־געבערען פון דער ארגאניזאציאן זיין, די אבטהיילונגען בעשטענדיג אינסטרואירען — און אליין פון זיי יניקה ציהען.

די "הסתדרות העברית" אין אמעריקא איז א טויטער בוכשטאב ווייל אזעלכע איז ביי דעם ווינער קאנגרעס און ערשט ניט לאנג ביי דער באסטאנער קאנווענשאן בעשלאסען געווארען צו גרינדען, אבער קיינער האט קיינמאל צום בעדויערען ניט פערזוכט אפילו דיעזען בעשלוס אין לעבען דורכפיהרען.

וואלט אזא ארגאניזאציאן עקזיסטירט, זייט זיכער אז די אלע אונטערנעהמונגען פאר די ארויסגעבונג פון א העברעאישער צייטונג, פאר די גרינדונג פון א ביכער פערלאג, וואלטען ניט געליטען אזא מיאוסען דורכפאל, ווי עס האט פאסירט ביז אהער.

די אבטהיילונגען וואלטען שוין דאפיר געזארגט און מיטגעהאלפען.

א קערפערשאפט פון פעראייניגטע פעראיינען וואלט אויך זיכער ניי געבויען, און די ארבייט וואלט וואס אמאל מעהר פארשריט געמאכט.

פארוואס אגב, האט הערר בריינין דער פערשטעהער פון דער "הסתדרות" אין אמעריקא, אין דיזער ריכטונג גאר־נישט געטהאן?

מיר דרוקען דיעזען ארטיקעל אויף'ן גרונד פון פרייע פרעסע, דאס מיינט אבער ניט, אז מיר זיינען איינשטימיג מיט אלע מיינונגען פון דעם שרייבער. רעד.

פרעזידענטסקע חתונות אין ווייסע הויז

צוויי קליינע, אבער וויכטיגע פאסירונגען פארנעהמען דעם אויבען אן אין אלע צייטונגען פון לאנד. איינע איז אז פרעזידענט ווילסאן איז מיט מזל א חתן געווארען און וועט אין גיכען טאקע חתונה האבען; און די צווייטע איז דער בייזבאלל קאמפף אין די "ווארלדס סעריעס" וואס וועט ענטשיידען די "טשעמפיאנשיפ" פון דער לאנד.

וויכטיגער, לאזען מיר איבער פאר דעם עולם אליין צו אורטהיילען. אינטערעסאנט איז אבער דער פאקט, אז וואודראו ווילסאן, איז ניט דער איינציגער פרעזידענט וועמען עס איז באשערט צו שטעהן אונטער דער חופה אין ווהייט־הויז; איידער זיין טערמין אלס פרעזידענט וועט זיך ענדיגען.

בלעטערנדיג די געשיכטע פון אמעריקא, ווערען מיר געוואהר, אז אן אנדער פרעזידענט, דזשאהן טאילאר, וועלכער איז אויך געבליעבען אן אלמן מיט ערוואקסענע קינדער, האט געפראוועט זיין צווייטע חתונה אין ווהייט־הויז. טאילאר, אזוי ווי פרעזידענט ווילסאן, איז שוין געווען 'א מאן אין יאהרען', וועהרענד זיין כלה איז געווען א סך יינגער פון איהם.

טיילארס חתונה האט ניט ארויסגערופען קיין אלגעמיינע שמחה אין לאנד, צוליעב דעם בעריהמטען סכסוך מיט זיין עלעקטער אלס פרעזידענט. אין פריוואט לעבען, איז ער געווען א לוסטיגער, ליעבענסווירדיגער מענש, פריינדליך און פריעדליך; האט ליעב געהאט א פרעהליכע געזעלשאפט, א גלעזעל וויין, און מוזיק, ביי וועלכע ער פלעגט זעהר אפט כאפען א טענצעל.

אין עפענטליכען לעבען איז ער אבער געווען זעהר אונפאפולער, און דאס איז געקומען צוליעב דעם וואס ער האט זיך פערקריגט מיט די רעפובליקאנער פארטיי און האט געמאכט יד אחת מיט די דעמאקראטען. דערמיט האט ער געגען זיך ארויסגערופען דעם צארן פון אלע רעפובליקאנער און אפילו פון א רעכט ביסעל דעמאקראטען.

ווען ער איז א חתן געווארען, פאר א פרייליין, האבען זיינע עטליכע נאהענטע פריינד געדענקט אז די נייעס וועט איבעראל ארויסרופען א שטארקע אינטערעסע און וועט אבשוואכען דעם כעס געגען איהם. דער אמעריקאנער עולם האט אבער אויפגענומען די נייעס זעהר קאלט, און שפעטער ווען פרעזידענט טיילאר האט מיט מזל געפייערט זיין חתונה, האט זיך דאס לאנד קנאפ וואס געפרעהט און איז געבליעבען צו איהם אזוי קאלט און גלייכגילטיג ווי פריהער.

נאך א פרעזידענט האט חתונה געהאט אין ווהייט־הויז. דאס איז געווען גראווער קליוולאנד. זיין חתונה מיט מיסס פאלסאם איז אבער שוין בעטראכט געווארען אלס אן אונגעוועהנליכע פאסירונג, אין וועלכע דאס גאנצע לאנד איז געווען שטארק פעראינטערעסירט.

גראווער קליוולאנד איז געווען א בחור ווען ער האט זוכה געווען עלעקטעד צו ווערען פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס. אין דער צייט וואס ער איז געווען דער קאנדידאט פון דער דעמאקראטישער פארטיי, האבען די רעפובליקאנער, אין א פערזוך צו עלעקטען זייער אייגענעם קאנדידאט, אויסגעבראכען פון אונטער דער ערד כל המינים עבירות וואס ער האט נור בעגאנגען אין זיין לעבען, אזער עה האט געלעבט, ניט זייענדיג פערהייראטה, מיט א געוויסער פרוי, מיט וועלכער ער האט געהאט א זוהן

ווען ער איז ערוועהלט געווארען פרעזידענט טראץ די אלע פערליימדונגען, זלזולים און מעשות, פון זיינע געגנער האט מען דאך אויפגעהערט צו מורמלען אין דער שטיל און צו ריידען אז עס פאסט זיך גאר ניט דאס א פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס זאל בלייבען א בחור. די מאראל פרעדיגער, און אנדערע גאט'ס סטראפצעס האבען ביי יעדער געלעגענהייט געשאטען פעך און שוועבעל אויפ'ן „בחור פון ווהייט־הויז". קליוולאנד'ס ערשטע טעג פון זיין ערשטען טערמין אלס פרעזידענט פון די יונייטעד סטייטס, ווינען געווען די ביטערסטע אין זיין לעבען.

גוטע פריינד האבען ענדליך איינגעזעהן אז עס איז דא נור איין מיטעל פאר איהם פטור צו ווערען פון די שטענדיגע העצעס פון זיינע געגנער, און דאס איז חתונה צו האבען אז זיי האבען [illegible] מען רעכט האט זיך ארויסגעשטעלט אזוי שנעל ווי די נייעס איז בעקאנט געווארען אז ער איז מיט מזל געווארען א חתן.

דאס גאנצע לאנד האט אויפגענומען די נייעס מיט אזא אינטערעסע פונקט ווי דאס וואלט געווען יעדען איינעמ'ס פריוואט עסק. און ווען ער האט שפעטער חתונה געהאט, האט זיך טאקע דאס גאנצע לאנג געפרעהט.

קליוולאנד'ס חתונה האט איהם ממש געמאכט פאר אן אנדער מענשען אין די אויגען פון דעם אמעריקאנער פאלק. ער איז מיט אמאל געווארען פאפולער און אלע האבען אויף איהם געקוקט מעשה בעל־בית. דערצו נאטירליך האט פיעל מיט געהאלפען מרס. קליוולאנד'ס ליעבענסווירדיגע פערזאן.

סתם אזוי חתונות זיינען שוין אין ווהייט הויז פארגעקומען א צעהנדליגע מיט א האלבס. דאס זיינען געווען חתונות פון יחס'ענדיגע קרובים פון פרעזידענטען. עס פערשטעהט זיך אבער אז יענע חתונות זיינען ניט בעטראכט געווארען פאר אזוי וויכטיג ווי די חתונות פון די פאר פרעזידענטען פון די יונייטעד סטייטס.

און דערפאר איז איצט דאס גאנצע אמעריקאנער פאלק אזוי שטארק פעראינטערעסירט אין דער קומענדער חתונה פון פרעזידענט ווילסאן. ווי עס שיינט איז דאס פאלק העכסט צופריעדען וואס דער פרעזידענט וועט האבען מיט וועמען צו טהיילען זיינע „ליידען און פריידען" אין ווהייט הויז. דעם בעסטען סמן דערפון זעהט מען וואס אלע צייטונגען פון לאנד געבען אוועק אזוי פיעל פלאץ פאר דער נייעס, וועלכע זיי בעטראכטען אלס א וויכטיגע ערייגניס.

וואודראו ווילסאן, איז אונצווייפעלהאפט א בעליעבטער פרעזידענט. דאס זעהט מען איצט קלאהר ארוים פון דער גרויסער אינטערעסע וואס די אמעריקאנער נעהמען אין זיין קומענדער חתונה.

פאר וואס איך בין א שמח בחלקו'ניס

(פעליטאן.)

פון י. ראזען.

איך האב אייך פערשפראכען, זאגט איהר, צו ערקלעהרען פאר וואס איך בין א צופריעדענער.

איך געדענק דאס ניט.

איך געדענק ניט אז איך זאל אייך ווען עס איז האבען אזא זאך פערשפראכען.

נאר פיליכט מאך איך א טעות. אז איהר זאגט, מן הסתם געדענקט איהר דאך.

און אזוי ווי איך וויל מיין ווארט האלטען, געה איך עס טהון טאקי באלד:

עס זיינען פאראן אויף דער וועלט צוויי סארטען מענשען — עס זיינען אפילו פאראן נאך אייניגע סארטען, יענע אבער רעכענען זיך ניט . . . — אלזא, צוויי סארטען זיינען פאראן. צופריעדענע און אונצופריעדענע. די צופריעדענע זיינען צופריעדען און די אונצופריעדענע זיינען זעלבסטפערשטענדליך, אונצופריעדען. די אונצופריעדענע, אדער ווי די פראנצויזען רופען מאלקאנטענט'ניקעס, געהן תמיד ארום אנגעבלאזען. תמיד נאר זיי בורטשען. אויף אלעס געפינען זיי חסרונות, קיין זאך געפעלט זיי ניט. אזא טבע האבען זיי.

דער ערשטער סארט, ווידער, די צופריעדענע הייסט עס, געהען ני טארום אנגעבלאזען, בורטשען ניט און זוכען ניט קיין חסרונות.

איך, רבותי, געהער צום ערשטען סארט.

איך בורטשע ניט. ערשטענס ווייל עס ליעגט טאקי אין מיין נאטור.

דער גאנצער עסק געפעלט מיר

די מענשען, מיט אלע זייערע חסרונות געפעלען מיר. און אינטערעסאנטע זאך א מענש איז!

היינט, די וועלט!

וואס פאר א בעטרעף האבען די חסרונות אנטקעגען דער פראכט פון וועלט און מענש?!

בורטשע איך ניט. שמייכעל איך.

בין איך הייסט עס א צופריעדענער.

דאס איז ערשטענס. צווייטענס, ווייל איך האב טאקי מיט וואס.

ווען איהר, לעזער, וואלט געשריבען פעליטאנען וואלט איהר, ווי איך, אויך גליקלאך געווען, עפעס א קליינינגקייט? איהר פיהלט — איך, הייסט עס, פיהל — אז די פאר ווערטער וואס איהר האט אנגעשריבען ווערען פון הונדערטער טויזענדער אידען געלעזען! אייערע ווערטער ווערען דאן איבערגעזעצט אין אלע שבעים לשונות און — איהר פיהלט אז — מיליאנען מענשען לעזען זיי און טראכטען פון זיי און שמייכלען מיט אייך אין פיהלען מיט אייך. עפעס א קליינינגקייט?

היינט, די אונשטערבליכקייט! ווי קאן א מענש זיין אונצופירעדען ויסענדיג, אז מיט דורות שפעטער וועט ער לעבען אין די זכרונ'ס פון די מענשען אויף דער גאנצער וועלט?

ווי קאן א מענש וואס שרייבט, למשל, אזעלכע ווערטער ווי „זכרתי לך חסד נעוריך . . ." זיין אונצופריעדען, ווען ער ווייס אז מיט יאהרהונדערטער נאך זיין טויט וועלען די ווערטער לעבען און לעבען און דאס זיי וועלען געזאגט און געזונגען ווערען אין אלע וועלט טהיילען אויף אלע מענשליכע שפראכען?

עס איז אמת, אז ווען מ'הייסט נערא און מ'הילט איין גאנץ רוים אין פלאמען ווערט מען אויך אונשטערבליך. עס איז אמת, אז ווען מען איז א פליגעלע און מען פליהט אריין אין מח פון טיטוס הרשע און מען טאנצט דארט, און מען פיקט דארט, און מען דזיאבעט און מען בויערט און מען דערגעהט דארט די יאהר און טעג, ווערט מען אויך אונשטערבליך. עס איז אויך אמת, אז ווען מען הייסט קרח און מען בונטעוועט זיך און מען ווערט איינגעזונקען ניין איילען אין דער ערד ווערט מען אויך אונשטערבליך. עס איז טאקי אלץ אמת, איז דער תירוץ אבער אז ערשטענס, איז זיי טאקי אויך גוט. עס איז כדי איינגעזונקען צו ווערען כדי צו בלייבען אונשטערבליך, און, צווייטענס, איז דאך א גרויסער אונטערשיעד ווי אזוי די שפעטערע דורות געדענקען אייך.

און דאן, רבותי, האב איך נאך אן אורזאכע צו זיין צופריעדען מיט מיין שרייבען פון א — ווי אזוי זאל איך דאס אייך אנרופען? — ממתקים'דיגען שטאנדפונקט.

איך וועל דאס אייך קלאהר מאכען:

ווי איהר ווייסט צאהלט מען אונז שרייבער פונ'ם ווארט.

פאר יעדער ווארט כך וכך:

אזוי פיעל ווערטער, אזוי פיעל מאל כך וכך.

פערשטעהט איהר דאך שוין אליין, אז דער באבעס ירושה דערלייגען מיר ניט.

נאך א ווארט, נאך כך וכך.

עס איז אמת אז איין כך וכך איז ניט אזא גרויסע סומע, זאנסט וואלטען דאך אלע שרייבער מיליאנערען געווען און די פאבלישער וואלטען — אזוי רייך ניט געווען.

ווען איהר בערעכענט אבער ווי פיעל ווערטער עס געפינען זיך אין א געוועהנליכען ארטיקעל, וועט איהר פערשטעהן, אז ווי קליין איין כך וכך איז ניט, ווערט אבער פון א סך כך וכך'ן א שעהנע מטבע און — מען קאן שוין ניט אונצופריעדען זיין.

איצט, האף איך, מיינע ליעבע לעזער, וועט איהר פערשטעהן פאר וואס איך בין אזוי צופריעדען מיט אלעס און פאר וואס איך בורטשע ניט.

אז עס איז אזוי גוט, אזוי ב'הרחבה'דיג, מוז מען דאך זיין א שמח בחלקו.

בין איך טאקי.

* * *

נאטירליך, ווען עס וואלט אביסעלע בעסער געווען — וואלט נאך געווען בעסער . . .

נאך יום טוב אין שטעדטעל

(א בילד)

פון ה. מ. קירשענבוים

עס איז שוין אוים יום טוב. זאגט שלמה לייזער אברהם חיים'ס אהיים געהענדיג פון שוהל עסען די לעצטע סעודה פון יום טוב.

נעווים איז שוין ווי אוים יום טוב, ענטפערט איהם ברוך טוביה'ס און געלויבט איז גאט וואס דער יום טוב צוזאמען מיט דעם חודש תשרי געהען אוועק און מיין אידענע וועט מיך אויפהערען מאהנען טאמער האסטו?

מען זיפצט שטיל. מען געהט פאמעלאך, און דער אומעט גנב'עט זיך אין הארצען אריין און קוקט פון די אויגען ארוים.

אין מארק איז יום טוב'דיג, ווייבער זיצען פאר דער טהיר אנגעטהאן די נייע שייטלען מיט די נייע קאפקעלאך וואס זיי האבען זיך געמאכט אויף יום טוב. זייא נעהמען רעכענונג וויפיעל דער יום טוב האט געקאסט משה פנחס'ן דעם גביר און וויפיעל ער האט געקאסט מענדעל'ען זיין שרייבער, און ווי אזוי די רבי'צין האט זיך פערגונען אנצוטהאן א נייע זיידען קלייד צו די הקפות אין אזא שלעכטע צייט מען רעדט, מען פלוידערט, מען שפרינגט איבער פון איינעם צום אנדערען ביז מען רעדט זיך דורך פון גאנצען שטעדטעל.

דאס יונגווארג שפאצירט הינטערען שטעדטעל דרייסט אין איהרע האפנונגען און ערווארטונגען האט אויף זיי די זארג קיין שליטה ניט. מיט דעם אוועקגאנג פון יום טוב וועלען זיי אויך פערשווינדען פון דעם קליינעם שטעדטעל אין די גרויסע שטעדט וואו זיי האפען צו געפינען בעשעפטיגונג פאר דעם ווינטער. יעצט די עטליכע יום טוב שטונדע: פערברענגען זיי צוזאמען מיט זייערע פריינד און בעקאנטע, איבערדערצעהלען זיך דאס וואס עס איז פארגעקומען זומער אין שטעדטעל.

אביסעל ווייטער צווישען וועלדער שפאצירען שוין די היינטוועלטיגע, יונגווארג וועלכע זיינען געקומען אויף יום טוב אין שטעדטעל, מיט זייערע געפוצטע קאמאשען און ווייסע קעלנער מיט שווארצע קראוואטען, שטעקעלאך אין די הענט, זיי האבען אהיים געבראכט אביסעל געלד און געזוכט שידוכים, נור אזוי ווי זיי האבען ניט געקענט איינשטימען צום שדוך איבערן נדן שפאצירען זיי דערווייל מיט די מיידלאך פון שטעדטעל. די מיידלאך דערצעהלען זיי ווי אומעטיג עס ווערט באלד נאך יום טוב. ווען זיי די יונגווארג פאהרען אוועק און פערלאזען דאס היימישע, דאס שטילע שטעדטעל. זיי האבען ניט וואו צו קומען. מיט וועמען צו רידען, ביי וועמען א ביכעל צו נעהמען, און זיינען מקנא די יענע וואס באלד נאך יום טוב נעהמען זיי זייער פעקעל און פאהרען וואו זיי ווילען.

דער יונגער מאן בעקומט רחמנות, און זאגט צו אז אויב זי וויל קען זי מיט פאהרען אין דער גרויסער שטאדט, געהן אין פאבריק ארבייטען, פארנאכט זיך ער־

(פארטזעצונג אויף פיידזש 5)

טאראנטא גראפאנאלא קא.

61 קווין סטריט וועסט (געגענאיבער טעראלי סטריט)

מיר ווינשען אויסמערקזאם מאכען דעם אידישען פובליקום פון טאראנטא און אומגעגענד, דאס מיר האלטען א גרויסען אסארטמענט פון אלערהאנד



אידישע רעקארדס

— ווי: —

פאלקס־ליעדער, תפלות
און הייליגע געזאנגען

— פון —

קאנטאר סיראטא
און אנדערע.

ווי אויך רוסישע און פוילישע רעקארדס.

מיר פערקויפען די בעסטע גראמאפאנס און גראפאנאלאס.

קומט זעהן אונזערע מאשינען־אונהערען אונזערע רעקארדס, איהר זייט ניט פערפליכטעט צו קויפען.

אויף אבצאהלונג
אויב איהר ווילט.
קיין אינטערעסט.

טעלעפאן ארדערס
ווערען פינקטליך
אטטענדעט

קומט אין אונזער פלאטץ, מיר ווינשען אייער בעקאנטשאפט.

— מיר רעדען אידיש. —

טאראנטא גראפאנאלא קאמפאני

61 קווין סטריט וועסט (געגענאיבער טעראלי סטריט)

דער איינציגער סטאר וואס אין גראונד פלאאר אין שטאדט, קיינע שטיגען צו קלעטערען און קיינע עלעוויטערס.

אונזערע פרייזען פון מאשינען זיינען פון $20 ביז $250.00
רעקארדס פון 85 סענט (צוויי ליעדער.)

(פארטזעצונג פון פיידזש 4)

ליבען צו געהן שפאציערען מיט וועמען זי וויל, ארומקוקען א וועלט. דאס מיידעל פערגעסט א ווייל׳ע דאס שטעדטעל מיט דער ווירטשאפט וואס ווארט אויף איהר אין דער היים, אויך דעם בייזען טאטען וואס אויב מען ערפילט ניט זיין פערלאנג קלעפט ער צו די האנד צו דער באק, און פערשווינדעט אויף א מינוט אין דער גרויסער שטאדט. זי שטעלט זיך פאר ווי זי זיצט אין פאבריק, ארבייט, פערדיענט, ווערט פריי, געהט זיך יעדען אבענד שפאצירען, און א שטילער אומעט כאפט זיך אריין און נאגט, און נאגט. פאר וואס געהט דער יום טוב שוין אוועק, פאר וואס?

ביים קליינווארג געהט אן דער שפיעל אין ניס. אויף איין ארט איז א שרעקליך געשריי, אזוי אז אלע מאמעס לויפען זיך צוזאמען. דאס שרייען דיא קליינע חברה אז אפרים מענדעל אברהם חיים׳ס האט ביי זיי צוגעכאפט א וועלעשענעם נוס פון גריבעלע וועלכע ער האט ניט כשר נאך זייער מיינונג געוואונען. די פנים׳לעך ברענען פאר כעס און צארן. די אויגעלאך פון דער חברה ווארפען פונקען. זיי זיינען גרייט דעם חברה־מאן דורס צו זיין. ער מוז זיך אונטערגעבען, גיט צוריק די ניס און דער שפיעל הויבט זיך אן פון דאס ניי. מען פרובט צו ווארפען עטליכע ניס. דער נוס וואס איז נאהענט צום גריבעל יענער מוז אריין ווארפען אלע ניס אין גרוב. אפרים מוז זיין דער ערשטער, ער ציהט אויס די האנד ווי א זעלנער די שווערד. ווארפט איין נוס נאך דעם אנדערען. די יונגע הערצעלאך נעהמען קלאפען קוקענדיג ווי די ניס קוטערן זיך איינע נאך די אנדערע. אט איז שוין די לעצטע זי פאלט צו און קלאפט אן אין די איבעריגע. אפרים לויפט צו כאפט ארויס אלע ניס. איצט וואנט שוין קיין איינגעל צו פראטעסטירען, זיי זעהען זיין מזל. ער בלייבט דער העלד פון טאג. די מאמע כאפט איהם ביים הענטעל און פיהרט איהם אהיים.

די זון איז שוין לאנג פערגאנגען אבער דער הימעל איז נאך גוט ליכטיג פון די גאלדענע פאסען וואס די זון האט הינטער זיך איבערגעלאזט.

ארום ברונען און מיטען מארק שטעהן פויערים און טרינקען זייערע פערד. זיי ווייסען אז מארגען איז "פא שוויענטא" נאך יום טוב, און שמואל מיכאל דער עגלה מיט משה יהודה נקבה (דאס רופט מען איהם ווייל ער האט ניט קיין באארד) וועלען ניט קענען פיהרען אלע יונגווארג צום באהן.

אלע אידען געהן צוריק אין בית המדרש דאווענען מעריב אזוי ווי עס בעווייזען זיך די ערשטע שטערנדלאך הערט זיך דער טרויעריגער וואכעדיגער ברכו פון בית המדרש ארויס. די ווייבער זיצען יעצט צוזאמען ביי שאשע די בעקערין אויף׳ן גאניק און לויבען זיין "ליעבען נאמען," וואס דער סכות געהט אוועק. מען מוז גרייטען עסען מעהר וויפיעל מען דארף ווייל איז סוכה מוז מען אריין געען א שעהנע פארציע ווי זאגט מען "א קניפ ביי דער באק די פארב זאל בלייבען" עס דויערט ניט לאנג און שטימען הערען זיך איבער מארק. א גוטע וואך און א גוט יאהר, א געזונטען ווינטער מיט א גוטע פרנסה ווינשען זיך אלע וועלכע בעגעגענען זיך. די ווייבער געהען אנצינדען פייער און פון די קליינע הייזלאך וועלכע שטעהען הארט אנגעשפארט איינס נעבען אנדערען, פערזארגטע פערוואשטע, קוקט ארויס דאס קליינע ליכט פון די לעמפעלאך.

דאס יונגווארג קומט פון שפאציער אין מארק אריין. מען דארף געהן בעשטעלען א פוהר, לעגט פאר חיים לייזערס פאר די חברה אין מיטען מארק און דער גאנצער יונגער עולם לאזט זיך געהן צום עגלה.

אויף׳ן שוועל בעגעגענען זיי שמואל דעם בעל עגלה מיט א לאמטערנע אין האנד.

א גוטע וואך, ר׳ שמואל! שרייען אלע מיט אמאל, געדענקט אז מארגען באלד אין דער פירה. און גיט דערוויל אייער סוס א "היי" ניט אין סדור׳ל. ווי־צעלט זיך חיה שיינדעלס א מיידעל וועלכע איז געקומען פון דער גרויסער שטאדט א כלה ווערען. מען נעהט מיט דער חברה דערווייל שפאציערען.

שמירט נור גוט די רעדער, ניט צו חיים לייזערס ווייל אז מען שמירט פאהרט מען.

שמואל דער בעל עגלה לאזט זיי זיך ווילצלען. יעצט איז אייער צייט טראכט ער ביי זיך, ווארט, ווארט, מארגען אז איך וועל אייך צוזאמען פאקען ווי א פעסעל הערינג און איהר וועט זוכען אייערע פיס וועט איהר ניט אזוי לוסטיג זיין.

זייט איהר אלע פארשוינגען? פרעגט שמואל.

וואס! איהר פרעגט נאך קשיות? כאפט אונטער חאנטשי איידעלס, א מיידעל מיט צוויי לאנגע שווארצע צעפ. מיט א שווארץ חן׳עווידיג מאטיוועון געזיכט, וועלכע האט א נאמען פאר א קלוגע.

איך מיין פארשוינגען פאר מיר, זאגט שמואל.

עס פערשטעהט זיך פאר אייך.

— אלע פאהרט איהר אוועק?

— וואס, וועלען מיר דא תפילין שרייבען, אדער קאטשקעס צום וואסער יאגען? מישט זיך שוין אריין אהרן ירדעל קאמאשען שטעפערס זוהן, פאר וועלכען אלע האבען דרך ארץ.

דא ווערט דער בעל עגלה טרויעריג ער וועט מוזען איבערלאזען פארשוינען צו משה יהודה זיין קאנקורענט, און קלעהרט ווי צו מאכען גרעסער זיין וואגען.

דארפט איהר אלע צום צעהנער באהן? פרעגט שוין שמואלס ווייב אביסעל טרויעריג וועלכע פערשטעהט די זארג פון איהר מאן.

געוויס מוזען מיר אלע פאהרען צוזאמען.

פערפאלען טראכט ער ביי זיך. צעהן מאהל גרויס דער וואגען. אלעמען וועט ער ניט פארנעהמען, און פול מיט טרויער וואס זיין קאנקורענט וועט אויך האבען פארשוינען. זאגט דער חברה א גוטע נאכט און געהט אין שטאל.

חברה עס איז שפעט, רופט זיך א ברכה שמואל משה׳ס. מען דארף אהיים געהן פאקעווען זיך.

* * *

אין דער פריה פאהרען די בעלי עגלה׳ס ארויס צום שלאג באהן. חברה טראגען זיך מיט די פעקלאך אין די הענד צו די פוהרען.

ביי די פוהרען שטעהען א גרויסער עולם אלע זיינען געקומען בעגלייטען, זיהן, טעכטער, שוועסטער, ברידער און פריינד.

— חאנטשי, דעם קעז געגומען?

— געגומען מאמעניו, געגומען.

שרייט די טאכטער. זיי געזונד.

די מאמע קען ניט ענטפערען. עפעס שטיקט אין האלז, דאך שטארקט זי זיך.

פאהר געזונד, טאכטערשי, פאהר געזונד. שרייב אמאהל, עפעס, שרייב.

זעליג, רופט גיטעל די אלמנה, למען השם ניט פערגעס זאגען קדיש, היט אב מיין איינציגער זוהן, געדענק —

קליינווארג רייסען זיך אהינצוהענגען זיך אויף די פוהרען, אונטערפאהרען אביסעל. א קליין מיידעלע רייסט זיך אין וואגען אריין. זי וויל אויך אין דער גרויסער שטאדט. זי זוכט א תכלית. פערדיענען געלד. אין דער היים איז ניט ווי אמבעסטען. זי וויל ארבייטען. די קולות איהרע רייסען זיך אין הימעל אריין און ווערען נאך גרעסערע ווען שמואל נעמט די בייטש גיט א שמיץ די פערד און מען נעמט פאהרען.

פאהר געזונד, געזונד, שרייב באלד גיב אכטונג. פערקיהל דיך נישט, מען פאהרט.

די פערד אויסגערוהט פון יום טוב ווילען ווייזען זייער בריה־שאפט און נעמען אונטערשפרינגען. דאס שטעדטעל ווערט ביסלעכווייז פערשוואונדען. אט זעהט מען נאך די קופע הייזלעך און אט זעהט מען שוין בלויז דעם שפיץ קלויסטער. און באלד וועט מען זעהען צייכענס פון דער באהן ווי זי וועט זיי אוועק פאהרען ווייט — ווייט.

* * *

דער טאג איז א טרויעריגער, די זון לייכט נישט, א קאלטער ווינד בלאזט פון די שוין אבגעריסענע בוימער. די איבער געבליבענע געלע בלעטער. יעדער נעמט בעטראכטן מיט טרויער. די איבערגעבליבענע אין שטעדטיל. און א שטילע געוויין צוזאמען מיט א טיעף בענקשאפט נאכ׳ן שטעטעל פיהלען אין יעדענס הארץ.

אין
יעדער הויז
ROYAL
YEAST
CAKES
MAKES THE WHITEST, LIGHTEST
ROYAL
YEAST CAKES
QUICK
PURE
E.W.GILLETT COMPANY, LIMITED
TORONTO, ONT.
WINNIPEG
MONTREAL
מערס געברויכט
רויאל [illegible]
קייקס און גיבען
אייער די בעסטע
סאטיספעקשאן

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הער רעדאקטאר!

איך האף איהר וועט מיר ערלויבען פלאץ, אום אויסצודריקען מיין מיינונג אין בעצוג וועגען די געלדער פאר די מלחמה קרבנות. איך בין אויך איינער פון די מנדבים, ווייסען מיר נישט ווער עס האט די געלדער, ווער דער „בעל הבית" איבער די אלע געלדער איז, און וואס מען האט געטהאן מיט די אלע ארימע פערהארעוועטע געלדער, ווייל ווען יעדער איינער האט „מנדר" געווען האט מען דאך מנדר געווען אום אונזערע ארימע שוועסטער, ברידער, קרובים און סתם פריינד זאלען זיך קענען ראטעווען, דערהאלטען די נשמה, די נשמה׳ת פון טויזענדער קליינע קינדער, און אם ענדע ווייסט קיינער נישט וואו די געלדער זענען. עס איז א הימעל שרייענדע רציחה. עס איז ווירקליך א „חרפה אין א בושה". אט פיר דיעזע לייטע וועלכע נעהמען זיך חוצפה צו האנדלען אזוי פערברעכעריש אין דער צייט וואס אונזערע אומגליקליכע ברידער ווערען געפלאגט פון פערשיעדענע שונאים, פון דער רוסישער רעגיערונג, פון קאזאקען, פון סתם שונאי ישראל ווערען זיי נאך געפלאגט פון אונזערע אייגענע ברידער וועלכע געפינען זיך דא אין קאנאדא מיט דעם וואס זיי האבען קאלעקטעט געלדער יום כיפור אין די שוהלען פון ארים פון דעם רייכען. יעדער איינער האט ביינעשטייערט וויפיעל איינער האט געקענט מיט הייסע טרעהרען אין די אויגען האט יעדער איינער מנדר געווען פאר די אומגליקליכע ברידער מערב לים.

היינט פרעג איך אט ביי דיעזע הערען „בעלי בתים", וואו זיינען די אלע געלדער? וואו זיינען די טויזענדער דאלערס וועלכע דער „אידישער זשורנאל" האט פערעפענטליכט דאס אין גאול צדק שוהל איז קאלעקטעט געווארען און פון מעקאל סטריט שוהל. און דאס אלעס איז געווען פיר דיא „מלחמה קרבנות" פרעג איך נאך אמאהל די פראגע וואו זענען די געלדער?

פיעלע פון די בעלי מנדבים האבען זיך שוין אנגעפרעגט מען זאל געבען אן ערקלעהרונג, אן ענטפער דורך דעם „אידישען זשורנאל", אבער . . . ליידער עס איז קיין ענטפער קיין ערקלעהרונג נישט דא, אין „קל ואין עונה". דער ענטפער איז „דברו אל עצים ואל אבנים".

מיינע ליעבע הערען מיר די אלע בעלי מנדבים פאדערען אייך אין נאמען פון די מלחמה קרבנות, איהר זאלט אבגעבען א רעפארט אדער אן ערקלעהרונג דורך אונזער אידישען זשורנאל, א פולען צופריעדענעם ענטפער פאר וואס האט איהר דיזע געלד ניט אוועק געשיקט אין דעם ריכטיגען פלאץ אז מיר זאלען וויסען און אויך וואלט איך וועלען פרעגען דיעזע הערען בעלי בתים, ווארום האבען זיי די געלדער וועלכע זיי האבען קאלעקטעט, עס אכט ניט אוים ווי פיעל, פאר וואס האבען זיי דאס ניט איבערגעגעבען צו דעם טרעזשורער מר. וויינבערג?

אלע ווייסען דאס מר. וויינבערגען מעג מען טראסטען. יעדער איינער האט דעם וועלען צוטרויען און מיר זיינען זיכער אז אויב די געלדער וואלטען איבערגעגעבען געווארען צו מר. וויינבערגען וואלט שוין געווען א בעריכט אז די געלדער זיינען שוין ערהאלטען געווארען מיט א רעסיט פון ריכטיגען פלאץ אונזערע ברידער וואלטען שוין געהאט דארט וואו זיי זיינען וואס עס איז יעדער איינער עפעס א שטיקעל הנאה אבער אזוי, ליידער קוקען זיי אוים אונזער הילף האפען יעדען טאג אז אט קומט זיי די ישועה פון קאנאדא, זיי קומען אב בלויז מיט האפען, ניין, ניין, מיינע ליבע הערען, איהר טהוט א גרויסען פערברעכען, בעסער געזאגט איהר האט בעגאנגען א פערברעכען מיט אייערע האנדלונג צו דעם כלל ישראל און צו אונזערע ברידער וועלכע שטארבען בוכשטעבליך פון הונגער בפרט.

איהר האט ניט גוט געהאנדעלט. אבער איהר קענט נאך פעררעכטען, עס איז ניט שפעט איהר קענט דעם חסרון פעררעכטען איהר זאלט איבערגעבען די געלדער צו מר. וויינבערג. מען קען איהם טרויען דאס געלד.

איך בין פאזיטיוו אז מען קען מר. וויינבערג טראסטען פיעל, פיעל מעהר און מר. וויינבערג וועט גלייך די געלדער אוועקשיקען וואו מען דארף. והא ראיה האבען מיר געזעהען א רעסיט וואס מר. וויינבערג האט ערהאלטען. איך זעלבסט האב דזשואיש רעליעף קאמיטע וועלכע זיי האבען ערהאלטען פון מר. וויינבערג די סומע פון $4.500. און אויך לעזען מיר יעדען טאג בעריכטען פון פערשיעדענע שמחות, פארטים געלדער וועלכעס מר. וויינבערג האט ערהאלטען. איך זעלבסט האב איינינע מאהל אריין געבראכט צו עטליכע דאלאר פון שמחה׳ס איז דעם נעקסטען טאג עס געווען בעריכטעט אין אידישען זשורנאל. דאס איז א סמן אז מר. וויינבערג האלט ניט די געלד ביי זיך אין פאקעט, און ניט ער מאכט קיין פראפיט נור ער טהוט עס לשם מצוה דערפאר איז ניט מעהר ווי רעכט אז די אלע געלדער וועלכע ווערען קאלעקטעט פאר די מלחמה קרבנות זאלען איבערגעגעבען ווערען אין אפיס פון אידישן זשורנאל. דאס איז דער איינציגער ריכטיגער זיכערער פלאץ וועלכעם דארף האבען דעם צוטרויען. קיינער פון די קאלעקטערס, קיינע שמשים, גבאים האבען קיין רעכט צו האלטען די געלדער ביי זיך אין פאקעט ווייל דאס הייסט "הקדש" געלד און "הקדש" געלד בערלאנגט צו דעם בעל הבית און דאס איז נור מר. וויינבערג.

איך האף דאס אונזערע מלחמה קרבנות פערזארגער וועלען די געלדער איבערגעבען אין אפיס פון זשורנאל צו דעם טרעזשורער וויינבערג אום ניט צו מאכען לייטען ריידענדיג וועלען זיי געבען אם ביגסטענס צום טאראנטאר אידישען פובליקום אן אפענע ערקלעהרונג ווי אויך אן ענטפער.

איך מוז אויך בעמערקען אז צוליעב יענען טומעל האבען מיר דעם לעצטען פרייטאג לייטע געזאגט אז זיי וועלען ניט צאהלען די 10 סענטינג ווייל עס איז שווינדעל האב איך זיי געגעבען צו ערקלעהרען דאס די 10 סענטינג מוז מען צאהלען און מען דארף צאהלען ווייל די 10 סענטינג ווערען ערהאלטען ביי מר. וויינבערג אין אפיס פון זשורנאל און מיר האבען אלע וואך א בעריכט ווי פיעל געלדער די וואלונטירען האבען אריין געבראכט האבען זיך דיעזע לייט בערוהיגט צופריעדען און זיי וועלען צאהלען אזוי ווי זיי האבען געצאהלט ביז יעצט.

ישראל ראטערמאן.

אויף מיין רייזע

— פון —

אב. גאלדבערג

ניט איינמאהל האט מיך די עובדה, אז דאס ציוניסטישע ליעד איז אזוי קאלט און קאמפעסיג געשריבען בעאונרוהיגט סטייטש, די חסידים האבען געשאפען הארציגע ליעדער און די הארציגסטע בעוועגונג ניט. איז געקומען ארץ ישראל און האט געוויזען איהר השפעה. די ליעדער פון ארץ ישראל דאס איז א גאנץ אנדערע פרשה. זיי זיינען הארץ, וועהען מיט ליעבע און גלויבען, שלאגען פון דער פאלקס נשמה.

ער איז אנשווינגען געווארען און באלד דארויף האט איינער אנגעהויבען אן ארץ־ישראל ליעד:

יה חי לי, לי
עמלי

די שטימע איז געווען א ווייבע א צארטע. די לופט האט עס אויפגעכאפט און האט אויף די בערג וואס הויבען זיך איבער דעם טייך ארויפגעטראגען און די בערג האבען קלאהר געענטפערט:

יה חי לי, לי
עמלי

דער טייך אירי אויסגעשטרעקט אונטער א לבנה רעק האט זיך ווי אנגעשטרענגט און איינגעהערט אין דעם נייעם יונגען ליעד וואס די קינדער פון אן אלטען פאלק האבען געזונגען און האט לאנגזאם געוויגט זיינע כוואליעס צום ברעג.

לאנג, לאנג האבען מיר יענע נאכט געזונגען.

קיינער האט ניט געוואגט מיט א ווארט מחלל זיין די שטימונג. ביים אנהויב איז אין געדאנק ווי אויפגעשוואומען די פראגע:

ווער ווייסט וואס עס מאכט איצט אין דער מלחמה צייט אונזער ליעב ארץ ישראל? איז אונזער ירדן איצט אויך אזוי רוהיג ווי דער אירי? — אויפגעשוואומען די פראגע און פערשוואונדען. דעם תירוץ האב איך געפונען אין די ארץ־ישראל ליעדער.

ארץ־ישראל לעבט בין אונז אין הארץ און דאס קען קיינער, קיינער ניט צושטערען.

שטיל האבען מיר זיך צוריק אין די אטאמאבילס אריינגעזעצט און מיר האבען פון יענעם טייך מיטגענומען א טיעפען סוד, דעם סוד פון אייביגקייט.

די לבנה, א ריינע א פערטראכטע, האט אונז בעגלייט.

— 4 —

פיטסבורג.

ווען איך בין נעגאנגען אין דער בעגלייטונג פון מיינע פריינד צום ציון־אינסטיטוט וואו די פערזאמלונג, אויף וועלכער איך האב געהארפט רעדען איז פארגעקומען, און איך האב געמוזט אט קלעטערען בארג ארויף ניט קענענדיג אפכאפען דעם אטהעם, אט ארונטערלאזענדיג זיך בארג־אראפ פערלירענדיג שיער מיין ביסעל נעדערים, איז מיר אויף דעם זינן געקומען זאנגוויל׳ס א קלוג ווארט.

עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דעם, וואס פיעלע אידען זיינען געגען ארץ־ישראל אדער אנדערע פאר אידישער קאלאניזאציע פארגעשלאגענע לענדער, ווייל די לענדער געפינען ניט קיין לייטזעליגקייט אין זייערע אויגען: דאס לאנד איז ניט פרוכטבאר גענוג, צו הייס און צו זאמדיג, און יענעם — איז צו קאלט און ווילד און אבגעלאזען, דא איז א היישעריק און דארט לויפען בלאט ארום ווילדע חיות, לעמפערטען און עקדישען. — בקצור זיי געפינען רק פעהלער. זאגט זאנגוויל ער וואלט א בעלן געווען צו וויסען, וואס אידען וואלטען געזאגט ווען מען וואלט זיי געבראכט אין לאנדאן אין דער צייט ווען א נעדיכטע פאגע בעדעקט די שטאדט, און עס איז וימש חשך. ער איז זיכער, אז זיי וואלטען אודאי אזא שטיק לאנד ניט נעהמען ווען מען זאל עס זיי געבען אומזיסט אדער אפילו צו צאהלען, און פון דעסטוועגען איז לאנדאן די הויפט־שטאדט פון דער רייכסטער און שטארקסטער נאציע אין דער וועלט. דער ענגלישער נאציע שטעהט לאנדאן אן, און די אידישע מיוחסים — ניט. די ענגלישע נאציע וואלט איהר לאנדאן ניט בייטען פאר כל הון דעלמא — און מיר — רק מיר קלעהרען איבער.

אט וועגען דעם זאנגוויל׳ס ווארט האב איך זיך דערמאהנט.

פיטסבורג איז ניט לאנדאן, צווישען די צוויי קען מען נאך זאגען "להבדיל". פיטסבורג איז ניט געבענטשט מיט פינסטערניש, אבער אויך פיטסבורג איז ווייט פון א שעהנער שטאדט: נוויטיג צום געזונד, און דאך איז פיטסבורג א וויכטיגער געשעפטס און אינדוסטריעלער צענטער — און אסור אויב די פיטסבורגער וואלטען זי פערביטען פאר דער שעהנסטער שטאדט.

די אמת׳ע פיטסבורגער געפינען גאר אין פיטסבורג דעם ריכטיגען חן, וואונדער־אהן א שיעור. איהר דארפט זיך נור צורעדען מיט איינעם פון זיי, און איהר וועט הערען וואסער א שיר ושבח ער זינגט עס אפ דער עיר וואס באמעריקא, די שטאדט דמתקריא ק"ק פיטסבורג. איבערהויפט הייסט ער אייך ארויפגעהן אויף דעם בארג: דארט איז אי די זונן לויטער, אי די לופט קלאהר, אי די לאנדשאפט שעהן, אן אמת׳ער גן־עדן.

דאס איז טאקי ריכטיג אויך. אויף דעם בארג איז טאקי שעהן, אבער וואס איז מכח דעם טהאל, און די וואס וואהנען דארט? דארויף איז דא א תירוץ: זאלען די וואס וואהנען אין טהאל ארויפקוקען אויף דעם בארג און הנאה האבען פון דער ווייטענס, אדער פון דעם בעוואוסטזיין, אז פיטסבורג האט א בארג, אויף וועלכען עס איז שעהן און אנגענעהם. אגב האבען די טהאל איינוואהנער דאס פולע רעכט זיך צו ווינשען אז זיי זאלען אויך אמאל זוכה זיין ארויפצוקלעטערען אויף דעם בארג.

אמאל טרעפט, אז די ברכה ווערט אויך מקוים, איבערהויפט ווען מען איז ניט יוצא מיט׳ן ווינשען זיך אליין. נור מען האט אויך "שכל אין קוטשמע" און מען ברעכט זיך דורך א וועג צום עולם׳ס קעשענע.

ווי געזאגט פערשטעהט זיך, אז די אידישע גהעטא איז אין טהאל, און קיין שעהנע גהעטא איז, נאט זאל מיך ניט שאפט מיט די נעגערס, און קיין שעהנקייט און קיין זויבערקייט עס איז א גהעטא, נור פיעל מעהר צוליעב איהר דונקעלער שכנה׳שאפט.

אין פיטסבורג וואהנען די אידען אין צו נאהענטער קרובה־שאפט מיט דינעגערס, און קיין שעהנקייט און קיין זויבערקייט גיבען די שכנים דער אידישער גהעטא ניט צו.

(פארטזעצונג פאלגט.)

HASSAN
CORK TIP
HASSAN
CORK TIP

HASSAN
CORK TIP
CIGARETTES
די אריענטאלישע סיגארעטס
הויך אין קוואליטעט און ביליג אין פרייז. קיינע אנדערע טערקישע סיגארעטס קענען זיך מיט זיי ניט פערגלייכען
צעהן פאר 10 סענט
קארק אדער גאלד טיפס.

חתן כלה
אלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס
קאן מען קריגען אין אפיס פון
„אידישען זשורנאל"

נאטיס!
דיא יעניגע וואס וועלען דא נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה. פריי

בענוצט זיך מיט דיעזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל
67 עליזאבעטה סטריט 67

פעדלערס און סטאר קיפערס
די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטימערס און צו מאכען געלד איז צו פיר־ען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.
האלסיילער און דזשאבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער באר־יוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זענען בארייכט געווארען.
ישאב לאטס זענען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אטענדעט.
קאפלאן און קא. דזשאבער 229 קווין סט. וו. טאראנטא אנט.
טעלעפאן עדלייד 3772.

געהט וואו אלע געהן.
אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואולענס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי
ליובינסקי
די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואולען מיללס.
פאר וואס ניט איהר? אונזער נאהמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג.
J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto.
TELEPHONE MAIN 6446

עסט פרישע עסען און לעבט לאנג
מיר קייטערען פאר באנקעטען, חתונות א. א. וו. מיר פערזארגען אויך דעם מאן מיט עסען ווען די פאמיליע איז אין קאנטרי.
עסט אין א ריינעם רעסטאראנט. אלעס שעהן, פריש, גוט געשמאק זויבער און — דוקא ביליג.
אבער׳ס כשר רעסטאראנט
168 קווין סטריט וועסט, טעלעפאן עדלייד 1960

מ. העלער
176½ קווין סט. וועסט. טאראנטא
נייעס פאר אידען!
איין אידישע סטאר פאר אידען
מיר מאכען אלערליי דזשועלרי גלייך אויף׳ן פלאץ. חתונה רינגען געמאכט ווייל איהר ווארט. מיר פיקסען אלערליי דזשו־לערי כאר העם ביליגסטען פרייז.
14 קערעט חתונה רינגען 80 סענט א פעניוועיט. 18 קערעט חתונה רינגען $1.00 א פעני־וועיט.
וואטשעס נעקלינט גוט און גאראנטירט, 40 סענט. מיין ספרינגס 40 סענט, [illegible] 40 סענט, [illegible] 50 סענט. מיר מאכען אייערע אלטע דזשועלרי ווי ניי פיר א קליינעם פרייז. [illegible]

האט איהר שוין בעזוכט דעם נייעם
דיינינג רום אונד רעסטאוראנט
אין 192 ספאדינא עוועניו, (ניער קווין)
עס איז פיר אייער אינטערעסע.
[illegible]
גרינבלאט, 192 ספאדינא עוועניו, [illegible]

ה. יאנאווער — פאן מיין 6886
א. ראזענפעלד — פאן קאלערדזש 5089
זיינען די
טאראנטא קאהל קאמפאני
91 ענגעס סטריט — פאן אפיס עדלייד 2029
פערקויפען. נור
Elias Rogers Co's Anthracite
יעדער לאט, קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשעס טיקעטס. פיר קוואליטי און וואג גאראנטירט.

חזן קאפלאנ׳ס שיפס קאנטאר
איז דער פלאץ וואו איהר קענט שיקען געלד נאך אלע טהיילען פון דער וועלט, שנעל און זיכער צום לעצטען טאגעס קורס
אלע סארטען אינשורענס, פייער, לייף, עקסידענט, בארגלעריג, פלייט גלאז און סיק בענעפיט קענט איהר אינשורען אין מיין אפיס. איך רעפרעזענטיר די שטארקס־טע און ראיעלסטע קאמפאניעס אין יונייטעד סטייטס און קענעדע. מיין נאמען און רעפוטיישאן פאר די לעצטע צעהן יאהר פארזיכערט אייך, אז איהר וועט אין מיין אפיס ראיעל און אנשטענדיג בעהאנדעלט ווערען.
רעוו. מ. קאפלאן
297 קווין סט. וועסט, קארנער דזשאהן סטריט. טעל. אדעלייד 239.
הויז טעל. אדעלייד 1545

דער פאטאגראפיק סטודיו פון 16 קעמעראן סטריט האט ניט געמופט



פראפעסאר גלאז

עלטערן פון קינדער!

איך האב בעשלאסען צו פערגרעסערען מיין קינדער בענד, אויף נאך פופצעה קינדער, עס זענען ניט נויטיג פאר מיר קיין רעקלאמעס, צו ערקלעהרען אייך, ווער מיין קינדער בענד איז.

נוצט אויס דיעזע זעלטענע געלעגענהייט, פערזארגט אייערע קינדער מיט א צוקונפט. ברייננט זיי צו פראפעסאר גלאז, זייט פון די ערשטע.

קינדער ווערען אנגענומען פון 12 יאהר ביז 14 יאהר אלט.

קומט יעדען אווענד פון 6 ביז 8 אוהר אין 206 אגוסטא עוועניו חוץ פרייטאג אויך פריוואטע לעסאנס געגעבען פון פראפעסאר גלאז אליין.

דער אידישער פאטאגראפער
מ. שליאכטער
פון 16 קעמעראן סטריט
האט געמופט אין 280 קווין סטריט וועסט
בילדער ווערען גענומען אויך ביי נאכט ביי עלעקטריק לייט אזוי גוט ווי ביי טאג.
גרויסע צופריעדענהייט גאראנטירט.
לכבוד דער ערעפנונג האב איך רעדוצירט די פרייזען כדי צו אדווערטייזען מיין פלאץ:
פאסט קארדס 60 סענט א דאזען
קעבינעט א דאזען $1.00
ספעציעלע פרייזען פאר גרופען.
איך פארגרעסער אייער בילד מיט א פריים פאר $1.75
בלויז פאר צוויי וואכען צייט!
נוצט אויס די געלעגענהייט.
א פאטאגראפער מופט זעלטען!

אויפרוף

צו אלע לאנדסלייט פון אסטראוויצע

[illegible]

קומט צום מיטינג זונטאג דעם 17 אקטאבער 1 א זייגער [illegible]

[illegible]

מיט גרוס די קאמיטע

קוויטונגען פון קאקריין אנט.

מיר, אנשי קאקריין האבען געלעזען אין אייער „זשורנאל" די קבלה פון דעם געלד, וואס מיר האבען געשיקט בעד חודש אלול און מיר דאנקען זעהר. און יעצט שיקען מיר בעד חודש תשרי תרע"ו סך הכל 18.40 דאלאר.

רשימה מהמנדבים:

מר. מ. רויטשילד	$2.00
מר. ב. רויטשילד מייער דקאקריין	1.00
מר. ג"י רויטשילד	1.00
מר. מ. סילווערסטאן	1.00
מר. ד. קערצער	1.00
מר. י. בערגער שו"ב דקאקריין	1.00
מר. י. קאשניר	1.00
מר. מ. ברילאנט	1.00
מר. י. רייז	1.00
מר. י. בערנשטיין	1.00
מר. מ. בערנשטיין	1.00
מר. צ לעווין	1.00
מר. י. לייבאוויטש	1.00
מר. ל. קערט	60ס.
מר. מ. העגרי	1.00
מר. י. קרהאטש	40
מר. ד. קרהאטש	40
מרס מרים אויכמאן נדבה בעד בריאת בנה הילד לאיע שיחיו	$2.00
סך הכל	$18.40

כ"ד המתעסקים:
יחזקאל בערגער שו"ב.
יצחק קרהאטש.

פון קאבאלט אנט.

ווערטהע רעדאקציאן פון "אידישען זשור־נאל"!

ביילעגענדיג וועט איהר גיטיגסט גע־פינען א טשעק פער $47.10. פיר די מלחמה קרבנות, וועלכעס איז געזאמעלט געווארען דעם 2־טען טאג ראש השנה ביי מר. מאקס סייטמאן אויף די בר מצוה פון זיין זוהן בעני. אלע קאבאלטער אי־דען זענען געוועזען אנוועזענד און דער שרייבער פון דיעזע צייל-ען האט געמאכט אן אפיעל פאר די מלחמה ליידענדע.

עס איז געקאלעקטעט געווארען דורך דזשיי וועלים און דזשיי וועלים שיקט אפ דיעזע געלד.

די פאלגענדע האבען ביינעשטייערט:

מר. רובין	$1.00
טש. שלייפער	1.00
מ. אבראמאוויטץ	4.00
מ. ראזענבוים	2.00
מרס. רחל אבראמאוויטש	$10.00
מ. ראדי	1.00
שוב ד. פרידמאן	1.25
מ. סייטמאן	4.35
י. וועלים	2.50
ב. מארטקאוויץ	1.00
יעקב ג. שטערן	3.00
יעקב פעלמוטער	50
ב. חיט	4.00
ז. ראדי	2.00
טייטעלבוים	1.00
...וואלינסקי	2.50
ר. חיט	2.00
מר. קאהן	1.00
ס. לייבאווי	2.00
דענעוויץ	1.00
סך הכל	$47.10

בעדייטענדע סומען זענען אויך גע־זאמעלט געווארען פיר פאלעסטינא רע־ליעף און פאר'ן נאציאנאל פאנד.

האפענטליך, דאס איהר, ווערטהער רעדאקטאר וועט דיעזע צייל-ען דרוקען אין אייער ווערטהער צייטונג פערבלייבען מיר

מיט גרוס,
דזשיי וועלים, פרעזידענט.
יעקב ג, שטערן סעק.

דער קאנפערענץ פאר די מלחמה ליידענדע.

אונזער נאבעלע וואלונטירען בריגאדע האט אריינגעבראכט פון זונטאגדיגען קא־לעקשאן $251

צו דאנקען זיי איז ניטא קיין ווער־טער.

שרה אייכענבוים פון 671½ ריטש־מאנד סטריט וועסט האט געבראכט אין אפיס 75 סענט.

ערהאלטען פון מר. לעווין, וועלכער ארבייט ביי קופער קעפ קא. 50 סענט פאר די מלחמה קרבנות. מר. לעווין גאהלט אויך וועכענטליך צום קאנפערענץ

ערהאלטען דורך 2 שוועסטער, מיסס ראוז און מיסס רעגינע ס. באום, די סומע פון $30 וועלכע איז געזאמעלט געווארען ביי א באקס פאשעל שבת אבענד דעם 2־טען אקט. ביי מרס. גראנבערי, א שוועס־טער פון די מיסים באום, אין הויז, 414 יאנג סטריט.

[illegible]

מאן פערברענט פון קעראסין

האמילטאן אקט. 11

טשארלס סמיטה 19 יאהר אלט, וועל־כער האט געארבייט ביי א פארמער 11 מייל און א האלב פון מאונטיין סאניטאר יום איז אזוי צובערנט געווארען פון א פייער אז ער איז נעכטען פון די וואונדען געשטארבען.

סמיטה האט געוואלט מאכען א פייער מיט קעראסין. ווען ער האט אבער ארויפגעגאסען אביסעל פון די קעראסין האט די גאנצע קען עקספלאדירט און זיי־נע קליידער אויף איהם האבען זיך אנגע־צונדען. ער איז גלייך ארויסגעלאפען אויף׳ן גאס אבער ביז וואנען מענשען זיי־נען זיך צוזאמען געלאפען צו זיין הילף איז ער שטארק צוברענט געווארען, און מיט א שטונדע שפעטער אונטער דיא שרעקליכסטע יסורים געשטארבען.

בענוצט זיך מיט א סטילעטא אין א פייט

וויליאם יוהז פון 24 ראבינסאן סטריט האט נעכטען געהאט א ביטערע ערפאה־רונג ווען ער האט זיך געשטעלט אויס־טענה'ן מיט א איטאליענער וועלכער האט בעליידיגט זיין פרוי.

ערשטענס האט וויליאם געמוזט געהן אין וועסטערן האספיטאל וואו די דאק־טוירים האבען איהם פערנייט זיין האנד נוצענדיג דערביי זעכצען סטיטשעס, און דאן ערשט איז ער אוועק אין קלערמאנט סטריט פאלים סטיישאן אויסצושווערען א ווארענט געגען דעם איטאליענער.

ווי וויליאם דערצעהלט האט די גע־שיכטע אזוי פאסירט.

ער זיין פרוי און זיין טאכטער זיינען גע גאנגען אין גאס, ווען אנטקעגען זיי איז אנגעקומען א איטאליענער און האט גע־מאכט א בעמערקונג וועגען וויליאמס פרוי

וויליאמען איז עס ניט אנגעשטאנען און ער האט זיך געשטעלט אויסטענה'ן מיט׳ן איטאליענער, פון ווערטער איז ארי־בער צו קלעפ. עס איז געווארען א געשלעג דער איטאליענער האט ארויסגעכאפט א מעסער מיט וועלכען ער האט געשטאכען וויליאמען אין האנד, און איז אנטלאפען.

ער זאגט אבער אז ער קען דעם איטאל־יענער, ער הייסט פרענק ראסא.

שפעטער מיט א האלבער שעה איז אין סטיישאן אריין געקומען א קליינער אינגעל און האט געבראכט א גרויסען סטילעטא וועלכער איז געווען איינגע־ריכט אין בלוט.

דער אינגעל האט ערקלעהרט אז ער האט עם געפונען אין דעניסאן סקוועהר, און האט אויך דערצעהלט אז ער האט אליין געזעהען ווי דער פייט איז צוגע־גאנגען.

די פאליציי זוכט יעצט ארום דעם הי־ציגען איטאליענער.

אויף א פעקעדזש פארטי ביי איידא בע־ליק פון 160 פאלמערסטאן עווענין איז קאלעקטירט געווארען 10 דאלאר.

צום טרעזשורער האט דאס געלד גע־בראכט א קאמיטע:

איידי בעליק פון 89 מיטשעל עוועניו מיסס גאלדמאן פון 7 וואולסלי, מר. מאד־ניק 185 אגוסטא עוועניו און איידא בע־ליק פון 160 פאלמערסטאן עוועניו.

(363)

געקאלעקטעט געווארען פון סעם וויניק און געבראכט געווארען פון מיס טילי לידאוויטץ און פון סעם ווידמאן $15.70.

אויף א בירטדיי פארטי ביי מיסס דזשעני דזשייקאבס 115 מאריא סטריט.

דיימאנדס
$1 $2 $3
וועכענטליך־
איהר האט יעצט די געלעגענהייט צו הא־בען דעם פיינסטען דיימאנד אדער אנדערע דזשועלרי דורך "אס קרעדיט סיסטעם פון דזשייקאב בראדער. דיימאנדס ווי עס איז בעוואוסט ווערט אלע מאל טייערער און עס איז אן אייביגהייט.
מיר געטרויען יעדען עהרליכען מענשען זא ראס איהר האט די געלעגענהייט צו קויפען ביי אונזערע דיימאנדס מיט די לייכטעסטע אבצאהלונגען.
ספעשעל דיסקוינט 10 פראצענט פאר קעש.
דזשייקאב בראדערס 15 יאנג סטריט ארקייד.

אויפמערקזאם

[illegible]

ווען איהר קויפט עפעס דערמאנט דעם נאמען פון „אידישען זשורנאל". לעזער זיינען אבערהויפט הערצליך ערזוכט צו פא־טראניזירען אונזערע אד־ווערטייזער.

דארפט איהר פייער לייף־עקסידענט און פלייט גלאס אינשורענס?
דאן קומט צו אייער אלט בעקאנטען דער איינציגער אידישער אינשורענס אגענט וואס שרייבט פייער פאליסעס וועלכע זיינען פון גוטע קאמפאניעס וואס קאנסלען ניט קיין אידישע ביזנעס, מערידזש לייסענס, סיטיזען פייפערס און אנדערע אזעלכע דאקו־מענטען ווערען געמאכט ביליג און פינקטליך.
קומט צו מיר אין אפיס.
24 טאראנטא סטריט. טעל. מיין 4711

א קצור פון די נארטה וועסט לאנד געזעצע.

דער עלטערער פון דער פאמיליע אדער עני מאן איבער 18 יאהר אלט, וועט קענען בעקו־מען א פערטעל אבטהיילונג פון דאמיניאן לאנד אין מאניטאבא, סאסקאטשעוואן אדער אלבערטא.

דער פארשלאג דארף געמאכט ווערען אין די דאמיניאן לענד אוידזשענסי אדער סאב אוידזשענסי פון דיסטריקט. אן אפליקיישאן קען געמאכט ווערען אין אפיס פון לאקאל אוידזשענסי פון דאמיניאן לאנד (נים סאב אגענט) אויף געוויסע קאנדיציאנען.

פליכטען — 6 מאנאטען אויף בעארבייטען די לאנד אין יעדע דריי יאהר. א הויז בעזי־צער קען וואהנען 9 מייל ווייט פון זיין פלאץ אויף א פארם פון ניט ווייניגער ווי 80 אקער לאנד אויף געוויסע קאנדיציאנען. א הויז איז נויטווענדיג אין יעדען פאל סיידען ווען דערוואהנונג איז אויפ׳ן זעלבען פלאץ

אין געוויסע דיסטריקטען א האמסטי־דער וועלכער איז אין גוטע אומשטענדען קען קריגען א פערטעל האמסטעד ארום זיין פלאץ פיר דעם פרייז פון 3 דאלאר א אקער.

פליכטען — 6 מאנאטען וואהנען אויף׳ן פלאץ און יעדע זעקס יאהר ווען די האמסטי־טעד געהט אריין אין קראפט (שוין אריינ־רעכענענדיג די צייט פון דער ענטרי) 50 אקער עקסטרא פיר בעארבייטען די צייט פיר קול־טיווירען איז אבהענגיג אין קיים אויב אויס־געפינען דא דער פלאץ איז א זאמדיגער אדער א שטיינענדיגער נאכדעם ווי רעפארטעד צו האמסטעד אינספעקטאר.

א פארמער וועלכער האט בעארבייט זיין פארם און האט פון איהר קיין רעזולטאטען קען נעהמען לאנד אין וועלכען דיסטריקט ער וויל פאר 5 דאלאר אן אקער.

פליכטען — מוז זיצען 6 מאנאטען און יעדע 3 יאהר בעארבייטען 50 אקער און אויס־בילדען א הויז אין ווערטה פון $300.

וו. וו. קארי.

דעפיוטי מיניסטער אף אינטעריאר
נ. ב. נים אויטאריזירטע פובליקאצ־יעס פון דעם אדווערטייזמענט וועלען ניט בעצאהלט ווערען.
— 87088

דעפארטמענט פון מיליץ און פער־טיידיגונג

סייל פון אלטע סטארס אונטער דער אויפזיכט פון דעם האנארייבל דער מי־ניסטער פון מיליץ און דיפענס, געוויסע אלטע סטארס, ווי פאלגט:

לעדער	2.700	פונט
לעדיז־ בופס.	335	"
שטאב־אייזען	4,200	"
סקרעפ שטאל	116	"

און אנדערע מאטעריאלען, צווישען וועל־כע עס געפינט זיך קענוועס, שטריק ראב־בער, זעגעלטוך, מאטראצען א. א. וו. זיינען צו פערקויפען ביי עפענטליכען טענ־דער

דיעזע מאטעריאלען קאן מען זעהן ווען מען ווענדעט זיך צום סיניאר ארדנענס אפיציער, אלד פארט, טאראנטא, טעגליך צווישען 2 און 6 אוהר נאכמיטאג. אויסער שבת און זונטאג.

פערזיגעלטע טענדערס פאר'ן קויפען עטוואס אדער אלע לאטס אדרעסירט צום דערמאנטען אפיציער, צייכענדיג דעם קאנ־ווערט: "טענדערס פאר אלד סטארס", וועלען ערהאלטען ווערען ביז פרייטאג מיטאג צייט, אקטאבער דעם גטען.

דער דעפארטמענט איז ניט געצ־וואונגען צו אקצעפטירען זועלכען עס איז טענדער. בעדינגונגען — קעש.

די סחורה מוז צוגענומען ווערען אין צייט פון 7 טעג פון טאג פון קויפען.

יודזשין פיסעט סאווירדזשען דזשע־נעראל דעפיוטי מיניסטער דעפארטמענט אף מיליטשא און דעפענס.

אטטאווא, סעפטעמבער 25, 1915

85835—11—96—35 ק. ה. 4136